גליון

# באור החיים

פרשת ויצא - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתנ"ז

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר **יואל** (ברי"א) **סג"ל קרדיס** הי"ו
לרגל שמחת נישואי בנו החתן **אשר ענזיל** ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **אברהם יצחק מערמעלשטיין** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### בדבר מצוה מותר ליהנות ממעשה ניסים

**ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה.**

אמרו במדרש (ב"ר ס"ח ב') רבי שמואל בר נחמן פתח שיר למעלות אשא עיני אל ההרים, אשא עיני אל ההורים (פירוש האבות) מאין יבא עזרי, אליעזר בשעה שהלך להביא את רבקה מה כתיב ביה ויקח העבד עשרה גמלים וכו', ואני לא נום אחד ולא צמיד אחד וכו', חזר ואמר מה אנא מוכר סברי מן ברייי (פירוש – וכי אאביד ומייאש סברי ותקותי מן בוראי) חס ושלום לית אנא מובד סברי מן בריי, אלא עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ.

כבר דקדקו המפרשים בדברי המדרש הזה, דהאיך אפשר לומר על יעקב אבינו ע"ה בחיר האבות, שחסר לו שלימות הביטחון בה' אלוקיו, והיה דואג על פרנסתו לומר מאין יבוא עזרי, עד שהוצרך לחזור ולהתחזק עזרי מעם ה' וגו'.

ועוד יש להבין, מעיקרא מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר, אם מתחלה דאג, במה חזר אחר כך והתחזק שלא לאבוד בטחונו בה'.

ונכון לתרץ ע"פ מה דאיתא בספרים הק', בספרים הק' דהא דאמרו חז"ל (תענית כ:) דאסור ליהנות ממעשה ניסים, לא אמר אלא במי שמשתמש בעניני עולם הזה להנאת עצמו, דאז מיקרי הנאת הנס בשם הנאה, אבל מי שמכוין בכל מעשיו לשמים לא שייך ביה איסור זה, דמצוה לאו ליהנות ניתנו.

ובזה יובנו דברי המדרש, כי כאשר ראה יעקב אע"ה שאין לו לא נום אחד ולא צמיד אחה, אמר מ"אין" יבא עזרי, כי אף שבודאי ה' יהיה בעוזרו, וישפיע לו פרנסה בדרך נס, אבל כיון שאין לו שום דבר שיחול עליו הנס, אם כן הרי יבוא עזרו מ"אין", ונמצא כי יצטרך ליהנות מנס הנתחדש מאין, והרי אסור ליהנות ממעשה ניסים.

אמנם אח"כ חזר ונתחזק, לית אנא מובד סברי מן בריי כי עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ, פי' כי יעקב אבינו ע"ה הרי עסק בכל עניני עולם הזה בקדושה גדולה, כי בכל דרכיו ומעשיו, בהליכתו ללבן וברעותו את צאונו וכו', בכולן עשה תיקונים גדולים לתקן ולברר נשמות וניצוצות רבות עד סוף כל הדורות, לזה אמר, עושה "שמים וארץ" דבכל מקום שמקדים שמים לארץ, הכוונה שעיקר הוא בחינת שמים, ובחינת הארץ טפילה אליו, אם כן מותר לו ליהנות ממעשה ניסים, דהנאת מצווה לא מיקרי הנאה.

(עבודת עבודה דב"ק ויצא)

### עבודת השם צריך להיות בשמחה ובשבורת הלב

**והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו.**

זו הדרך אשר לימד אותנו תלמידי הבעש"ט הק' כסדרה, שבכל מצוה ומצוה צריך להיות שני הדברים שמחה ושבירת הלב.

בראשון צריך להיות בשמחה גדולה, שצריך לשמוח שנולד יהודי, והקב"ה נתן לו הזכי' לקיים המצות, וכן צריך להיות אצלו לב נשבר שאפשר לא עשה המצוה כתיקונה, והיה יכול לעשותו ביתר שלימות.

וזהו מה שאמר הכתוב והנה מלאכי אלוקים עולים ויורדים בו, מלאכי אלוקים אלו הצדיקים

המשך בע' ב

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**תורה מתשת כחו של אדם, די תורה שוואכט אפ די כח הארציות און די ערדישקייט פון א מענטש.**

(דב"ק ח"ב קנ"ח)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר מאיר סג"ל שווארץ הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' אשר זעליג ני"ו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## בשעת'ן שלאפן ווערט די נשמה גערייניגט און אין דעם ווענדט זיך די גאנצע טאג

וישכב במקום וילן שם כי בא השמש וישכב במקום ההוא, זאגט רש"י הק' למדנו שתקן תפלת ערבית. ווייטער אין די פרשה שטייט, ויחלום והנה סולם מוצב ארצה, ווערט געברענגט אז אין די מראה הסולם האט יעקב אבינו געזעהן גאר גרויסע זאכן, מען האט אים דארט געוויזן אלע גליות, די גאנצע עתיד פון כלל ישראל, ביז'ן בית המקדש השלישי, וואס איז נגד יעקב.

זענען די מפרשים אונז מגלה אז די גרויסע התגלות וואס יעקב אבינו האט זוכה געווען במראה החלום, איז געווען דורך די תפלת ערבית פון פריער, די תפלת ערבית איז געווען די הכנה צום וישכב במקום ההוא, און דורך דעם האט ער זוכה געווען ביים שלאפן צו די גרויסע התגלות.

יעקב אבינו האט דעמאלטס אוועקגעשטעלט אזוי אויף לדורות, אז דורך זיין תפלת ערבית, זאל יעדער איד קענען שלאפן ווי ס'דארף צו זיין, ווי די ספרים הק' זענען מסביר דאס ענין פון שלאפן, וואס פאר א הויכע זאך דאס איז, דער עיקר השגת הנביאים איז דאך געווען ביים שלאפן, ווייל כדי דער נביא זאל קענען מקבל זיין א נבואה, האט ער געדארפט זיך אויסטון פונעם גוף, בהקיץ איז דאס נישט געווען קיין גרינגע זאך, בחלום האט ער געקענט גרינג צוקומען צו דעם, וויבאלד די נשמה גייט דעמאלטס ארויס פונעם גוף, דער גוף פארשטעלט נישט, קען די נבואה גרינג צוקומען, בחלום אדבר בו.

דער ענין איז דא ביי יעדן מענטש לויט זיין מדריגה, הגדול לפי גדלו והקטן לפי קטנו, וויבאלד די נשמה גייט ארויס פונעם מענטש ביים שלאפן, ס'בלייבט איבער נאר א 'קוסטא דחיותא', גייט די נשמה ארויף זייער הויעך, זי איז זוכה צו א גרויסע טהרה, איר כח הקדושה ווערט זייער געשטארקט, אויף דעם לויבט מען דעם אייבערשטן יעדן צופרי, אלקי נשמה שנתת בי טהורה היא, וויבאלד זי איז געווען ארויס פונעם גוף, איז זי געווארן ריין, און מיט דעם כח הטהרה, קען דער מענטש א גאנצן טאג דינען דעם אייבערשטן.

דאס איז דער גרויסער כח פונעם שלאפן, ווען דער נשמה גייט ארויס פונעם גוף, קען זי אנקומען צו א הויכע פלאץ, דער מענטש קען דעמאלטס זוכה זיין צום אמת, ביי צדיקים האט מען דאס געזעהן, זיי האבן משיג געווען גרויסע השגות ביים שלאפן, די ספרים רעדן אסאך ארום פונעם ענין פון שינת הצדיקים, ווי אזוי צדיקים לייגן זיך, און צו וואס זיי זענען אלץ זוכה אינעם שלאף, און דאס אלעס איז שייך פאר אונז אויך.

אז מ'לייגט זיך נישט פראסט, קאלטערהייט, מיט אלע נייעס'ן אין קאפ, נאר מ'מאכט א גוטע הכנה, מ'זאגט קריאת שמע וברכותיה ווי ס'דארף צו זיין, מ'דאווענט תפלת ערבית גוט, און מ'לייגט קריאת שמע שעל המטה גוט, איז דאס שלאפן נישט קיין פשוט'ע זאך, די נשמה ווערט דעמאלטס דערהויבן און גערייניגט.

און די אופשטיין ווענדט זיך אויך אין דעם, אויב מ'לייגט זיך גוט, שלאפט מען גוט, און מען קען אופשטיין גוט, ס'איז נעוץ סופן בתחילתו, דער סוף פון איין טאג ברענגט די התחלה פונעם אנדערן טאג, קומט אויס אז דער טאג הייבט זיך אן מיט תפלת ערבית, דאס איז דער ערשטער תפלה, ויהי ערב ויהי בוקר, די התחלה איז פון ביינאכט, אז מ'דאווענט גוט תפלת ערבית, איז דער גאנצער טאג דערנאך גוט.

(עבודת עבודה שפת"ק)

המשך מע' א

ה"עולים" בעת עשיית המצוה מדריגות רמות ע"י התורה והמצות, וגם יש להם בחינת "יורדים", זהו שבירת הלב דחושבים תמיד אולי לא עשיתי המצות בשלימות ולא עסקתי בתורה בשלימות, והיאך אפשר לעשותו ביותר, לעשות נחת רוח ליוצרינו.

(עבודת עבודה שפ"ק תשא)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
לרגל השמחה שבמעונו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### וישכב במקום ההוא.

לכאורה דארף מען פארשטיין, יעקב אבינו האט געלערנט תורה ביי זיין טאטן יצחק, איז פארוואס האט ער געדארפט גיין לערנען תורה אין ישיבת פון שם ועבר.

נאר מען קען זאגן, אז עס איז באוויסט אז אויב א מענטש באקומט א ספעציעלע ברכה פון הימל, אדער ווען א מענטש טוט א גרויסע מצוה, זענען אים די מלאכים אויבן אין הימל מקנא, און ער דארף דעמאלטס א באזונדערע סייעתא דשמיא ניצול צו ווערן פון זייער קנאה. דעריבער נאך דעם וואס יעקב אבינו האט באקומען די ברכות פון יצחק, האט ער מורא געהאט אז עס זאל אים נישט שאטן די קנאה פון מלאכים, איז ער דעריבער געגאנגען לערנען אין ישיבת שם ועבר פאר פערצן יאר, כדי די תורה זאל אויף אים מגין און מציל זיין.

(אמרי פינחס)

### ויפגע במקום.

רש"י הק' איז מסביר, אז ווען יעקב איז אנגעקומען קיין חרן, האט ער זיך גזעאגט, אכן יש השם במקום הזה ואנכי לא ידעתי. האט יעקב אנגעהויבן צוריקצוגיין ביז בית א-ל, און דארט איז אים דער ערד אקעגן געשפרינגען.

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע ווען יעקב איז אדורכגעגאנגען דעם פלאץ די ערשטע מאל האט ער נישט געוואלט זיך אפשטעלן דאווענען, און שפעטער האט ער געטוישט זיין מיינונג און האט יא געוואלט דארט דאווענען.

נאר מען קען דאס מסביר זיין מיט דעם וואס די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף ו:), א"ר חלבו אמר רב הונא כל הקובע מקום לתפלתו אלהי אברהם בעזרו וכשמת אומרים לו אי עניו אי חסיד מתלמידיו של אברהם אבינו.

פרעגן אויף דעם די מפרשים, אויב עס איז א טירחא צו דאווענען אויפ'ן זעלבן פלאץ יעדן טאג, קען מען פארשטיין פארוואס ער באקומט דער טיטול חסיד, אבער פארוואס באטיטלט מען אים אויך מיט עניו, וועלכע מדת ענוה איז שייך אויב מען דאווענט אייביג אויפ'ן זעלבן פלאץ.

נאר מען קען דאס פארשטיין, דער עיקר טעם פארוואס מען דארף אייביג דאווענען אויפ'ן זעלבן פלאץ איז, ווייל ווען מען דאווענט אויף א פלאץ, ווערט יענע פלאץ געהייליגט, און ווען מען קומט דארט צוריק דאווענען, וועט די קדושה וואס איז שוין דארט דא, אים צוהעלפן אז זיין יעצטיגע תפלה זאל אנגענומען ווערן. אבער אויב א מענטש האלט זיך גרויס, און טראכט בי' זיך אז זיינע תפלות וועלן ממילא אנגענומען ווערן, אפילו אויב ער דאווענט נישט אויפ'ן זעלבן פלאץ, איז דאס א סימן אז ער איז א בעל גאוה. קומט אויס אז אויב ער דאווענט א מענטש אייביג אויפ'ן זעלבן פלאץ, ווייזט ער מיט דעם אז ער דארף האבן די הילף פון די קדושה פון דעם פלאץ אז זיינע תפלות זאלן אנגענומען ווערן, איז א ראיה אז דער מענטש איז א עניו.

דאס זעלבע איז אויך, אויב א מענטש דאווענט אויף דעם פלאץ וואו זיינע עלטערן האבן געדאווענט, אז די קדושה פון די תפלות פון זיינע עלטערן וועלן אים העלפן אז זיינע תפלות זאלן אנגענומען ווערן.

דעריבער, ווען יעקב אבינו איז צום ערשט אריבער דעם מקום המקדש, האט ער געטראכט אז ער דארף נישט דארט דאווענען, אפילו זיינע עלטערן האבן דארט געדאווענט, ווייבאלד ער קומט יעצט פון בית המדרש שם ועבר, וואו ער האט דארט געלערנט פאר פערצן יאר אן קיין הפסק, אין זיין זכות איז גענוג גרויס אז זיינע תפלות וועלן אנגענומען ווערן, אפילו אויב ער דאווענט נישט דארט וואו זיינע עלטערן האבן געדאווענט, אבער שפעטער ווען ער האט אריינגעטראכט אז אליעזר דער קנעכט פון אברהם איז אויך געגאנגען אויף דעם זעלבן וועג וואס ער גייט יעצט, און אליעזר האט געהאט קפיצת הדרך און איז אנגעקומען אין זעלבן טאג וואס ער איז ארויס אין וועג, אבער יעקב האט נישט געהאט קיין קפיצת הדרך, האט יעקב פארשטאנען אז ער האט נישט די זכותים פון א קנעכט פון זיינע עלטערן, דעריבער האט ער געטראכט צוריקצוגיין דאווענען אויף דעם זעלבן פלאץ וואו זיינע עלטערן האבן געדאווענט.

דאס קען זיין די כוונה אין יעקב'ס ווערטער "אפשר שעברתי" איך זעה אז איך האב געדארפט אריבער גיין דעם פלאץ, איך האב נישט געהאט קיין קפיצת הדרך, דעריבער "יהיב דעתיה למיהדר" האט ער געטראכט אז ער מוז צוריק גיין דארט דאווענען, אבער ווען יעקב האט אנגעהויבן גיין, און באקומען דעם התעוררות צו גיין דאווענען על מקום שהתפללו בו אבותיו, האט מען אים שוין פון הימל געהאלפן, און האט געהאט קפיצת הדרך, ווייל "בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו".

(שמן ראש)

### אכן יש ה' במקום הזה ואנכי לא ידעתי.

מ'קען זאגט פשט פארוואס יעקב אבינו האט געזאגט "ואנכי לא ידעתי", לויט וואס די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (נ"ה ע"ב) אין מראין לו לאדם אלא מהרהורי לבו, מען ווייזט נישט פאר א מענטש א חלום נאר פון וואס ער טראכט, איז רש"י דארט מסביר מה שהוא מהרהר ביום, דאס וואס א מענטש טראכט בייטאג, חלומ'ט מען זיך ביינאכט. ברענגט דארט די גמרא א ראי' צו דעם, ווייל א מענטש האט נאך קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אז ער האט געזעהן א עלעפאנט, וועלכער גייט אריין אין א לעכל פון א נאדל, ווייל אין אזא זאך וואס איז בכלל נישט מעגליך קלערט א מענטש נישט דערפון בייטאג, ממילא חלומ'ט ער נישט דערפון ביינאכט.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, "ויקץ יעקב משנתו ויאמר אכן יש ה' במקום הזה", יעקב האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און ער האט געזאגט אז עס איז דא אויף דעם פלאץ א השראת השכינה, טאמער וועט מען וועלן זאגן אז עס איז נישט אמת, ווייל די גאנצע זאך איז נאר א חלום, "ואנכי לא ידעתי", איך האב קיינמאל נישט געוויסט דערפון, דעריבער האב איך קיינמאל נישט געטראכט דערפון בייטאג, אויב אזוי קען נישט זיין אז דאס איז נאר א חלום, נאר עס איז טאקע ריכטיג אז "אכן יש ה' במקום הזה".

(חנוכת התורה)

### ויישא יעקב רגליו וילך ארצה בני קדם.

לכאורה איז שווער דא עטליכע קשיות.

פארוואס שרייבט די תורה אז יעקב האט אויפגעהויבן זיין פיס און געגאנגען, דאס איז דאך א פשוט'ער זאך אז אויב איז ער געגאנגען אין וועג, האט ער אויפגעהויבן זיינע פיס, איז פארוואס דערמאנט דאס די תורה.

שפעטער דערמאנט די תורה "כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים", פארוואס שרייבט נישט די תורה ביי דעם ארויס מער פרטים, ווער עס האט אנגעטרינקען די שאף, און דערמאנט עס נאר בדרך קצרה.

ווען יעקב איז אנגעקומען צו די ברינעם, האט יעקב זיי באגריסט 'אחי' מאין אתם, פארוואס האט זיי יעקב אנגערופן מיינע ברידערס, רופט מען דען פרעמדע מענטשן ברודער?

כדי צו פארענטפערן אט די דריי קשיות, איז כדאי צו מקדים זיין וואס די תורה דערציילט

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

## דער איסור פון רעדן פון אדון עולם איז עפ"י שולחן ערוך

עס איז כדאי צו מעתיק זין דא אין אונזער מדור, א שטיקל עבו"ע (שפתי קודש פ' ויגש עמוד קע"ג), ווי רביה"ק זי"ע רעדט ארום איבער די הארבקייט פון רעדן ביים דאווענען, וזלה"ק"

"און איינס פון די עיקרי חטאים פונעם דיבור איז דאס רעדן בשעת התפילה, דאס איז דאך א חטא גדול ונורא און ס'זענען נעבעך דא אזעלכע צרה לייט, וואס האבן גארנישט מורא פון דעם.

איך זאג אלץ אן שטרענג, אז עפ"י זוה"ק און עפ"י אריז"ל טאר מען נישט רעדן ביים גאנצן סדר התפילה פון אדון עולם ביז אדון עולם, און עפ"י שולחן ערוך איז אויך די דין אזוי, דאס וואס שטייט אין שולחן ערוך אז מ'טאר נישט רעדן ביי קדיש, קדושה, און חזרת הש"ץ וכדו', מיינט נישט אז אינצווישן מעג מען יא רעדן, ווייל דעמאלטס דארף דאך די מענטש אליין דאווענען, וואס איז די הוה אמינא אז ער זאל רעדן, אבער אודאי איז דא א איסור צו רעדן א גאנצן דאווענען, נאר פאר דער וואס דאווענט איז עס נישט נוגע ווייל ער דאווענט דאך, נאר אויב ס'קומט אריין איינער וואס דאווענט נישט דארט און ער וויל רעדן אודאי איז עס אן איסור.

אין אמת'ן אריין דאס אליין אז דער זוה"ק און דער אר"י הק' האלטן אזוי איז שוין אויך גענוג הארב, אבער דער אמת איז, אז ס'איז עפ"י שו"ע אויך אזוי, דאס איז פשט אין שו"ע אויך, נאר ס'שטייט נישט ווייל מ'ברויך דאס נישט צו זאגן מ'דארף דאס אליין פארשטיין.

איך קען מיך נישט מיט'ן עולם מפלפל זיין, דער עולם האלט זיך שטארק פאר בעלי הלכה זיי זענען אלע זייער חשוב, קיין פלפול קען איך נישט פירן מיט זיי, אבער פארוואס זאל מען נישט פארשטיין אזא זאך, דער גאנצער שולחן ערוך איז דאך אזוי געשטעלט, ס'שטייט נישט ארויס אלעס בפירוש, אבער אז מ'קוקט נאך זעהט מען אז דאס מיינט די שולחן ערוך".

אין סוף פרשת חיי שרה, "ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק", אברהם האט איבערגעגעבן פאר יצחק דער כח פון בענטשן א צווייטן, אזוי ווי דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם "והיה ברכה", דאס האט אברהם איבערגעגעבן פאר יצחק, אזוי אויך האט אברהם געגעבן מתנות פאר די קינדער פון הגר, אזוי ווי עס שטייט "ולבני הפילגשים אשר לאברהם נתן אברהם מתנות", איז רש"י מסביר אז די מתנה פאר די בני הפילגשים איז געווען די שם טומאה, אז זיי זאלן האבן די כח צו קענען מאכן כישוף, סוף פסוק זעען מיר אז אברהם האט געשיקט די קינדער פון הגר קיין ארץ קדם, אזוי ווי עס שטייט "וישלחם מעל יצחק בנו בעודנו חי קדמה אל ארץ קדם", קומט דערפון אויס, אז די מענטשן פון קדם זענען געווען כישוף מאכער'ס.

אין שמואל א' (ט"ו, ג') געפונען מיר ווי שמואל הנביא האט געזאגט פאר שאול המלך, אז ער זאל גיין מלחמה האלטן מיט עמלק, און אויס'הרג'נען פון זיי אלע מענטשן און בהמות, איז רש"י מסביר דארט, פארוואס האט מען אויך געדארפט הרג'נען די בהמות, וויבאלד די עמלקים זענען געווען כישוף מאכער'ס, און זיי האבן געהאט די מעגליכקייט זיך צו פארשטעלן ווי בהמות, דעריבער האט שאול המלך געדארפט הרג'נען אויך די בהמות.

מיט דעם קען מען פארענטפערן די דריי קשיות, - ווען יעקב איז געגאנגען צו ארצה בני קדם, וואס ווי געשמועסט זענען זיי געווען כישוף מאכער'ס, האט יעקב מורא געהאט אז די כישוף מאכער'ס וועלן אים שעדיגן, דעריבער איז יעקב אבינו געשטאנען אין די לופטן, כדי זיי זאלן נישט קענען שולט זיין איבער אים, ווייל ווי באקאנט האבן די כישוף מאכער'ס א שליטה נאר אויף די ערד, דעריבער זאגט דער פסוק "וישא יעקב את רגליו", אז יעקב האט אויפגעהויבן זיינע פיס, כדי ער זאל זיין אין די לופטן, אזוי וועלן זיי נישט קענען טוהן קיין שלעכטס צו אים.

די מענטשן פון ארום די ברינעם פון ארצה בני קדם האבן זיך פארשטעלט אזוי ווי שאף, פונקט ווי די מענטשן פון עמלק, דעריבער זאגט דער פסוק ישקו העדרים, די סטאדע שאף וועלן זיך אליין אנטרינקען, ווייל זיי זענען באמת מענטשן, נאר פארשטעלט דורך כישוף אלץ שאף.

ווען יעקב איז אנגעקומען נענטער צו זיי, האט ער זיי געזאגט פאר די כישוף מאכער'ס פון ארצה בני קדם, "אחי", מיינע ברידער, איך בין פונקט אזוי א כישוף מאכער ווי ענק אלע, איך בין א ברידער מיט אייך אין כישוף.

(עזר מיהודה)

## א מעשה אויף די פרשה

### זאת אומרת עלי יניח צדיק את ראשו.

צום הייליגן צדיק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זי"ע האט אמאל אפגעשטאט א באזוך דער עסטרייכישען קייזער, און ווי פארשטענדליך איז ביים רבי יוסף חיים אין שטוב געווען אפאר אלטע שטרויערנע בענקלעך אויף וואס צו זיצן, און אן אלטע טיש.

בלית ברירה האט רבי יוסף חיים מכבד געווען דעם קייזער צו זיצן אויף דעם אלטן שטרויערנע בענקל, אזוי זיצענדיג האט פאסירט אז די בענקל האט זיך צושפאלטן, און דער קייזער איז אראפגעפאלן.

אלע אנוועזענדע פון די אידישע קהלה האבן זיך זייער דערשראקן וואספארא צרות דאס קען נאך אנברענגן אויף זיי. רבי יוסף חיים האט זיך אבער גארנישט דערשראקן, און זיך אויפגעשטעלט, און מסביר געווען ברוב חכמתו פארן קייזער דאס פאלגענדע.

איך וועל מסביר זיין פארן קייזער וואס דא האט פאסירט, מיר געפינען ביים זיידן יעקב, אז ווען ער האט זיך געוואלט לייגן שלאפן האט ער ארומגעלייגט צוועלף שטיינער ארום זיך, האבן זיך די שטיינער אנגעהויבן קריגן צווישן זיך, יעדער האט געוואלט האבן די זכיה צו האבן די קאפ פון יעקב אבינו אויף זיך, האט פאסירט א נס, אז פון אלע קליינע שטיינער איז געווארן איין גרויסע שטיין.

האט רבי יוסף חיים אויסגעפירט צום קייזער: די זעלבע זאך האט דא פאסירט, אלע קליינע לעכער פון די שטרויערנע בענקל האבן געוואלט האבן די זכיה אז דער קייזער זאל זיצן אויף זיי, האט פאסירט דעם זעלבן נס ווי ביים זיידן יעקב, אז פון אלע קליינע לעכער איז געווארן איין גרויסע לאך...

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## זהירות אין קאן (2)

### אייער - צוויבל - קנאבל וואס האבן גענעכטיגט ביינאכט אן שאלאכטץ

**ח**

**שאלה: דאס וואס מען האט פריער געשריבן אז אויב עס בלייבט איבער אביסל פון די שאלאכטץ, איז מער נישטא די קפידא, איז א חילוק צו די שאלאכטץ איז נאך נישט אראפ גענומען געווארן, און עס געבליבן באהאפטן צו די איי אדער צו די צוויבל אדער קנאבל, צי דאס איז אויך ווען מען האט אינגאנצן אפגעשיילט די שאלאכטץ, נאר מען האט דאס שפעטער צוריק געלייגט?**

**תשובה:** פון די לשון הגמרא איז משמע אז נאר אויב די שאלאכטץ איז נאך באהאפטן פון אנהייב, אבער אויב די גאנצע שאלאכטץ איז געווארן אפגעשיילט, העלפט נישט אז מען וועט דאס שפעטער צוריק לייגן, דעריבער אז מען וויל לאזן נעכטיגן איינע פון די דריי זאכן, זאל מען לכתחלה אכטונג געבן אז די שאלאכטץ זאל בלייבן באהאפטן (כן מובא בשם המהרש"ם דלשון הגמרא הוא "ולא אמרן אלא דלא שייר בהן עיקרן או קליפתן, אבל שייר בהן עיקרן או קליפתן לית לן בה", משמע דוקא אם שייר).

בדיעבד אויב מען האט אראפגענומען די גאנצע שאלאכטץ און דאס נאכדעם צוריק געלייגט, און דאס איבער גענעכטיגט קען מען מקיל זיין (סמ"ק מצוה קע"א).

**ט**

**שאלה: אויב געשיילטע אייער, אדער געשיילטע צוויבל, אדער קנאבל, זענען געווען אויסגעמישט מיט אנדערע זאכן, מעג דאס לאזן איבער נעכטיגן?**

**תשובה:** די פוסקים ברענגען אז די סכנה איז נאר ווען זיי האבן גענעכטיגט אליין, אבער אויב זיי זענען געווארן אויסגעמישט מיט סיי וואס פאר א מאכל, סיי ווען זיי זענען נאך רוי, אדער זיי זענען געקאכט געווארן אדער געווייקט מיט אנדערע זאכן, איז נישט דא די סכנה אפילו זיי זענען אינגאנצן אפגעשיילט (סמ"ק מצוה קע"א, כה"ח יו"ד סימן קט"ז אות צ"ב, בן איש חי ש"ש פ' פנחס אות י"ד).

**י**

**שאלה: וואס קען מען אלץ אויסמישן אין די געשיילטע אייער, צוויבל, קנאבל, אז מען זאל עס מעגן נעכטיגן?**

**תשובה:** די פוסקים שרייבן אז סיי וואס פאר א זאך מען מישט אויס העלפט אז עס זאל נישט שאטן די רוח רעה, אפילו זאכן וואס געבן נאר א טעם, ווי זאלץ, צוקער, אויל, עסיג, א.ד.ג.

**באמערקונג:**

עס איז נישט גענוג ווען מען לייגט נאר אביסל זאלץ, אדער אביסל צוקער, נאר מען דארף לייגן א גרויס פראצענט זאלץ אדער צוקער א.ד.ג., אז מען זאל דאס שטארק שפירן.

### זאלץ

עס איז כדאי אנצומערקן אז עס ווערט געברענגט אז עס האט א מעלה מען זאל לייגן זאלץ, ווייל זאלץ האט א כח מבטל צו זיין די כח פון די רוח רעה (ליקוטים שבספר טעמי המנהגים סימן ט"ז, בשם תוספות חיים).

### קאלערינג

עס איז דא ווער עס שרייבט אז מען קען אויך אריין מישן א זאך וואס איז משנה די קאליר פון די אייער, וויבאלד מען זעט אז עס איז נשתנה געווארן (שו"ת תשובות והנהגות ח"ג סימן רנ"ו).

**יא**

**שאלה: אויב מען וויל אנגרייטן אין א טאפ געשיילטע גרינצייג, ווי למשל קארטאפל, מייערן, סקוואש, א.ד.ג., כדי שפעטער דאס אפצוקאכן און מאכן מיט דעם א זופ א.ד.ג., מעג מען דארט לייגן אויך צוויבל, קנאבל?**

**תשובה:** מען זאל לכתחלה אכטונג



געבן אז די געשיילטע צוויבל אדער קנאבל זאלן נישט נעכטיגן דארט ביינאכט אן די שאלאכטץ, וויבאלד די אנדערע גרינצייג זענען נאך גאנץ, דעריבער איז א שאלה צי עס ווערט באטראכט אז די צוויבל און קנאבל זענען אויסגעמישט מיט די גרינצייג, אויסער אויב מען לייגט אריין גענוג זאלץ, און אנדערע געווירצן אז די צוויבל און קנאבל זאלן באקומען א טעם פון די זאלץ.

אבער אויב מען צושניידט אלע גרינצייג אויף קליינע שטיקלעך, מעג מען אויך אריין שניידן צוויבל און קנאבל, ווייל דעמאלטס ווערט באטראכט אז די שטיקלעך צוויבל זענען אויסגעמישט מיט די אנדערע שטיקלעך גרינצייג.

## יב

## שאלה: מעג מען אויך לאזן נעכטיגן געשיילטע אייער, וואס זענען אויסגעמישט צוזאמען מיט געשיילטע צוויבל, אדער קנאבל, צי דער היתר איז נאר ווען עס איז אויסגעמישט מיט אנדערע זאכן?

**תשובה:** עס איז א קלער אין די פוסקים צי מען קען אויסמישן אייער מיט צוויבל, אדער מיט קנאבל, און זיי זאלן איבער נעכטיגן ביינאכט, די ספק איז וויבאלד אז אויף יעדע זאך פון די דריי זאכן, גייט ארויף א רוח רעה ביינאכט, קען זיין אז זיי קענען נישט העלפן מתיר צו זיין איינס די צווייטן (קובץ מבית לוי חי"ד הל' שמירת גוף ונפש הערה ה').

דעריבער פירט מען זיך אז מען גרייט נישט אן פון ערב שבת, איי מיט צוויבל פאר די סעודת פון בייטאג, כדי די איי און די צוויבל זאלן נישט איבערנעכטיגן שבת ביינאכט, אפילו זיי זענען שוין אויסגעמישט צוזאמען.

די וואס ווילן יא אנגרייטן די איי מיט צוויבל פון ערב שבת, זאלן אכטונג געבן אויסצומישן אין די איי מיט צוויבל גענוג זאלץ און אויל, ווייל דורך דעם וועט נישט שאטן די רוח רעה.

## יג

## שאלה: אויב איינער האט געמאכט א ברכה אויף איינע פון די דריי זאכן, און גלייך נאך די ברכה איז ער געוואר געווארן אז עס האט גענעכטיגט אן קיין שאלאכטץ, מעג ער עסן דערפון?

**תשובה:** כדי עס זאל נישט זיין א ברכה לבטלה, זאל מען עסן נאר אביסל דערפון, און די איבעריגע זאל מען אוועק ווארפן, וויבאלד מען עסט עס נאר כדי עס זאל נישט זיין א ברכה לבטלה, דעריבער דארף מען נישט חושש זיין אויף די סכנה, ווייל שומר מצוה לא ידע דבר רע (כעין מה שכתב המג"א סי' ר"ו סק"ח לגבי מים שבשכינות המת).



# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים.

דער הייליגער באר מנחם טייטשט דעם פסוק, לויט ווי עס ווערט געברענגט, אז היינטיגע צייטן כשאין בית המקדש קיים און מען קען נישט מקריב זיין קרבנות, איז די מקדש מעט במקום די בית המקדש, און פון דארט ווערן מקובל אלע תפלות, און דארט קומען אראפ אלע השפעות, אזוי ווי אויפן הר הבית בזמן שבית המקדש היה קיים. אבער דאס איז נאר ווען אידן פירן זיך אין בית המדרש ווי עס דארף צו זיין, בקדושה וטהרה, און מען רעדט נישט דארט קיין דברים בטלים, דעמאלטס איז שורה דארט די קדושת בית המדרש.

און דאס זאגט דא די פסוק, אין זה "כי אם" בית אלקים, ווען די בית מדרש איז נאר א בית אלקים און נישט פאר עפעס אנדערש, "וזה שער השמים" דאן איז דאס אפן צום הימל און מען איז פון דארט מקבל אלע תפלות און פון דארט קומט אראפ די אלע השפעות.

מרן רבינו שליט"א האט אמאל צוגעלייגט צו דעם ווארט, פון דאס וואס מען זעהט פריער אין די פרשה "והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה", לכאורה, אויף וואס האט זיך די לייטער געהאלטן, נאר מען האט געמאכט א לאך אין הימל כדי די לייטער זאל זיך קענען האלטן, און פון די לאך איז אראפגעקומען אלע השפעות, ביי די מקום המקדש.

ענליך צו דעם ווערט דערציילט אויף הרה"ק רבי ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע אז ער האט אמאל געפרעגט א אינגל ווי אזוי האט זיך די לייטער אין יעקב'ס חלום זיך געקענט האלטן, און דער אינגל האט נישט געוואוסט צו ענטפערן, האט אים ר' מאיר'ל דאן געזאגט, אז דורך די כח התורה ווערט לעכער אין הימל, און דורך די לעכער האט זיך די סולם געקענט האלטן.

*

הרה"ק רבי ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע איז אמאל אנגעקומען אין א קליינע שטאט, אנקומענדיג צום ביהמ"ד אין שטאט און געעפנט די טיר האט ער געזעהן אז דאס איז א חורבה, ווי קיינער קימערט זיך נישט אויף דעם, און עס קוקט אויס ווי עס גייט איינפאלן, האט זיך ר' מאיר'ל אנגערופן אפאר מאל דעם פסוק "מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים", צו אלעמענ'ס וואונדער האט ער מסביר געווען פשט, אז ווען איך בין ארומגעגאנגען אין שטאט האב איך געזעהן פיל מיט שיינע הייזער, ווי מענטשן וואוינען, משא"כ דעם הויז קוקט אזוי אויס, וויבאלד עס האט נישט קיין בעל הבית, דעריבער האב איך געזאגט "מה נורא המקום הזה" ווי פארטיג איז צו אריינגיין דא אינעם בית המדרש, ווייל עס קוקט אויס יעדע רגע ווי עס קען צוזאמפאלן, פארוואס קוקט עס אויס אזוי, "אין זה כי אם בית אלקים" - נאר וויבאלד דאס איז די בית המדרש און עס האט נישט קיין בעל הבית אין שטאט וואס גיבט זיך אפ דערמיט.

*

נאך זאגט מען נאך פון ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע, אז מען קען זעהן די חילוק צווישן יעקב אבינו'ס חלום און פרעה'ס חלום, פון דא קען מען זעהן וואס ער טראכט א גאנצע טאג און פון וואס ער טראכט, יעקב אבינו האט גע'חלומ'ט אז "והנה ה' נצב עליו", און פרעה האט גע'חלומ'ט פון "שבע פרות יפות מראה".

מען דערציילט אויך נאך פון צדיקים נאך א חילוק פון יעקב אבינו מיט פרעה, ווען א איד וועקט זיך אויף פון שלאף, גייט ער גלייך דינען דעם אייבערשטן, משא"כ א גוי וועקט זיך אויף איז וישן ויחלום שנית.

טאהש
קאפעליע
מקהלות המנגנים דחצר הקודש טאהש

ובמקהלות רבבות, יחד כולם הודו בשירי ידידות, בקול נעים ארנן בזמירות, אמע"כ חברינו, מזמור שיר למנצח בנגינות, שמך אכבד בשירי ידידות, מלא מדע וחכמה בתורה ובעבודה ובחסידות, מכבד את ה' מגרונם בתמידות, בקול רם ובתוף וכנור יזמרו זמירות, הלא הוא

מוה"ר אליעזר זוסיא סג"ל קרויס הי"ו
לרגל הולדת נכדו הראשון למז"ט
אצל בנו מו"ה מרדכי הי"ו

יקום פרקן מן שמיא, שתזכו לראות בנים ובני בנים עוסקין בתורה ובמצוות לשמה, וישפע להם משמי מעל רב חיי"א ורב חינ"א ורב חסד"א ברוב סייעתא דשמיא ואך טוב וחסד עדי נזכה בקרוב שיולכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

המברכים: חברי מקהלות המנגנים

חבורת
שתיקה בשבת תענוג
שע"י ישיבה גדולה אור החיים ד'טאהש
מטרתה לחזק תלמידי ישיבתינו הק' בענין הנשגב של שמירת הדיבור בשב"ק
כמו שתבע מאתנו רביה"ק זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בשמחה רבה הננו בזה להודיע אשר בעז"ה יתקיים
מעמד פתיחת החבורה
שתיקה בשבת תענוג
לכל תלמידי הישיבה
ליל שישי פ' ויצא
ליד הציון הק' של אבינו רועינו כ"ק מרן רביה"ק זי"ע
תיכף אחר תפילת מעריב

כאשר ביחד יתעוררו הלבבות בשירות ותשבחות וניגוני התעוררות
וישמיע דברי הכנה והתעוררות
ע"י הרה"ג ר' אלימלך סג"ל לאווען שליט"א

אח"כ יגיש כל אחד להמציבה הק'
ויעתר בעדו ובעד חביריו ובעד כל קהל ישראל
ויפעול כל טוב לנו ולכל ישראל

ובזכות השב"ק וזכות הקבלות טובות שנקבל על עצמינו
בקדושת פינו נזכה לביאת גוא"ת ומלכינו בראשינו בב"א

לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה

הנהלת החבורה

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים ועניינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

### המשך מאמר בענין:

## הדלקת נר חנוכה בזמנינו בפנים או בחוץ

אכן יש שדחו ראיה זו, כי יתכן דכשאין לו אלא נר אחד, יש להחשיבו בגדר שעת הסכנה, וממילא הוא בכלל התקנה שבשעת הסכנה מניחו על שולחנו ודיו.

החתם סופר (שבת כא: בד"ה רבי יהודה) כתב על דברי המשנה (בבא קמא סב:) 'הניח חנווני נרו מבחוץ חייב רבי יהודה אומר בנר חנוכה פטור': "ויש לומר, דוקא בחנוני פליג תנא קמא משום דיכול להדליק בפנים ונמי איכא פרסום ניסא, כי רבים משכימים לפתחו, ומה שמדליק בפתח רשות הרבים היא רק מצוה מן המובחר", הרי שדעת החתם סופר כי אין בזה אלא משום מצוה מן המובחר.

### ההוכחות מדברי הראשונים כי לפני התקנה לא היו יוצאים ידי חובה בהדלקה בפנים

אך מאידך יש הוכחות מדברי הראשונים, כי לא היו יכולים לצאת ידי חובה בהדלקה בפנים לפני שעת הסכנה, ואחת ההוכחות היא מדברי התוספות (שבת כא: בד"ה דאי) שכתבו: "דאי לא אדליק מדליק - אבל מכאן ואילך עבר הזמן אומר הר"י פורת דיש ליזהר ולהדליק בלילה מיד שלא יאחר יותר מדאי ומ"מ אם איחר ידליק מספק דהא משני שינויי אחרינא", הרי שהיה לר"י פורת צד שאין יוצאים ידי חובה בהדלקה בפנים לאחר מכן, ולכן אינו רק בגדר ספק.

הוכחה נוספת היא מדברי הגמרא (שבת כב:) דקא מיבעיא לן אי הדלקה עושה מצוה או הנחה, והביאו להוכיח מדברי רבא 'הדליקה בפנים והוציאה לא עשה כלום', ואי הדלקה עושה מצוה מובן מדוע לא עשה כלום, כי לכתחילה לא יצא ידי חובה בהדלקה הואיל ולא הדליק בחוץ, אבל אי הנחה עושה מצוה, הא הניחה לאחר מכן בחוץ, ותירצו דהרואה אומר שהדליקה לצורכו ולא לפרסום הנס.

וכתב רש"י (בד"ה אי אמרת בשלמא): "אי אמרת בשלמא הדלקה עושה מצוה משום הכי לא עשה ולא כלום, דכיון דזו היא מצותה, צריך שתיעשה במקום חיובא", הרי בפירוש בדברי רש"י, כי בפנים אינו נקרא במקום החיוב, ומשמע שאין יוצאים בזה ידי חובה.

אלא שמצאנו כמה דרכים לדחות הוכחה זו, יש שכתבו (תשובהנה"ג ח"ה סי' רכ"ה) כי כוונת הגמרא היא, שאחר שכבר הדליק בפנים, אף אם יוציאה לאחר מכן בחוץ, לא עשה כלום, היינו שלא תיקן את ההדלקה להחשיבה כאילו הדליקה בחוץ, אך בוודאי שיצא ידי חובה הואיל ואף הדלקה בפנים יוצאים בה ידי חובה.

אך פשטות לשון רש"י, שכתב כי הדבר תלוי בהדלקה במקום חיובא, מוכיח כי הדלקה בפנים אינו נחשב כהדלקה במקום החיוב, ולא רק שלא הוסיף בפעולתו להחשיבה כהדלקה בחוץ.

הגרש"ז אויערבאך זצ"ל (הליכות שלמה פרק י"ד דבר הלכה אות ל') תירץ בזה, כי לעולם היה יכול לצאת ידי חובה על ידי הדלקה זו שהדליק בפנים, אלא שעל ידי שהעבירה אחר כך לחוץ, גילה דעתו כי אין הוא סומך על ההדלקה בפנים, וכי לדעתו יש להדליק בחוץ, על כן מצד הנהגתו זו אין להכשיר את הדלקתו שהדליק בפנים.

### לימוד זכות להדליק בתוך הבית משום היכר המדליק

אחר כל זאת יש להעיר, כי היו שלימדו זכות (תשובהנה"ג ח"ב סי' שמ"ב) על ההדלקה בתוך הבית, על פי המבואר בשו"ע (סי' תרע"א ס"ה) כי הדר בעלייה אין לו להדליק ברשות הרבים בפתח הסמוך לבית, כי אין היכר אם הנר הוא של בעל הבית המתגורר למטה או של בעל העלייה, ולכן אין יוצא בה ידי חובה.

לפי זה, בזמנינו, שמתגוררים עשרות דיירים בכל בניין, ואין דרך להכיר על ידי הדלקת הנרות בפתח הבית אצל רשות הרבים של מי הנרות, אם כן יש מקום להעדיף להדליק בפנים מאשר להדליק בחוץ באופן זה, כי בהדלקה בתוך הבית לכל הפחות יש היכר ופרסום הנס לבני הבית.




בס"ד

# וויכטיגע אנווייזונגען

## צום שמחת החתונה בחצרות קדשינו

ד' פר' וישלח | י"ד כסליו תשפ"ז לפ"ק

### קבלת פנים

**די מעמד קבלת פנים וועט בעז"ה פארקומען אום 5:30 פונקטליך, באולם בית צירל מענער אריינגאנג.** עס וועט זיין צוגעגרייט פארענטשעס אויף ביידע זייטן פונעם אויבן אן, ביטע איבערלאזן די זיץ פלעצער פאר די זקני החסידים ובני המשפחה.

עס ווערט נישט דעזיגנירט קיין פלאץ פאר די קינדערביים קבלת פנים. ביטע נישט לאזן די קינדער מיטהאלטן אן די פערזענליכע אויפזוכט פון די עלטערן.

**קבלת פני הכלה פאר די נשים וועט זיין באולם בית צירל פרויען אריינגאנג.**

### מעמד החופה

די מעמד החופה וועט פארקומען אי"ה ובשעטו"מ 6:30 פונקטליך פארנט פון די בית צירל זאל.

**מ'בעט בכל לשון של בקשה צו העלפן פארמיידן תערובות, די מענער זאלן שטיין די זייט צום בנין מענער אריינגאנג, און די נשים די זייט צו רחוב טאהש.**

### סעודת החתונה

באלד נאך די חופה וברכת הקודש וועט אין א דערהויבענע שטימונג סערווירט ווערן די סעודת החתונה בהיכל ביהמ"ד הגדול.

סדרנים וועלן אויפנעמען יעדן באזונדער און צו-ווייזן ווי זיך צו זעצן איש על מחנהו ואיש על דגלו.

די עלטערע קינדער פון ת"ת וועלן א גאנצע חתונה ביז'ן מצוה טאנץ האבן זייער מקום קבוע אויף די פארענטשס לצד צפון, אונטער די אויפזוכט פון חשוב'ע מדריכים. די אינגערע קינדער וועלכע קומען מיטהאלטן די חתונה דארפן זיין אונטער די אויפזוכט פון די עלטערן.

עס איז אנגעגרייט אויף דרום זייט פון ביהמ"ד די ספעציעלע הויכע פלאטפארמעס פאר די אדמורי"ם רבנים ודיינים הגאונים הצדיקים שליט"א, און פאר קרובי המשפחה שליט"א.

ביטע אנזאגן די קינדער אויסצופאלגן די משגיחים און נישט זיך ארומדרייען אין בנין אן קיין השגחה.

**סעודת החתונה פאר נשים: אין די זאלן פון בית צירל.**

### הופעת כ"ק מרן רבינו שליט"א

**כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א וועט ערשיינען בשעה 9:00 צו די סעודת החתונה, וואס וועט נאכגעפאלגט ווערן מיט געהויבענע ריקודין של שמחה.**

מען בעט יעדער זאל בלייבן אויף די פארענטשעס, און קיינעם נישט שטערן פון מיטהאלטן די דערהויבענע שמחה.

### שמחת חתן כלה

אום 9:30 וועט מען זיך אויפשטעלן בריקודין ובשירה לשמוח בשמחת חתן וכלה.

נאך די ריקודין אויף די אויבן אן, וועט די חתן ומחותנים אראפקומען צום ליידיגן חלל הביהמ"ד ווי עס וועט פארקומען די ריקודין לשמחת חתן.

### לברך ולהתברך

בשעת די ריקודין ביי די סעודת החתונה וועט דער גאנצער עולם האבן די געלעגנהייט דורכצוגיין לברך ולהתברך און וואונטשן לחיים ומזל טוב פאר כ"ק רבינו שליט"א.

עס איז צוגעגרייט געווארן א ספעציעלער דורכגאנג - פון רעכטס צו לינקס, אונטער די פארענטשס, ווי יעדער וועט אי"ה קענען דורכגיין.

### ברכת המזון ומצוה טאנץ

**מען וועט בענטשן אי"ה בשעה 10:45 בדיוק.**

באלד נאך ברכת המזון און שבע ברכות, וועט אי"ה פארקומען דער דערהויבענער מעמד המצוה טאנץ אין ביהמ"ד הגדול.

די צפון זייט פון ביהמ"ד הגדול איז מיוחד בלויז פאר די נשים בני המשפחה בעת די מצוה טאנץ.

ביי די מצוה טאנץ ביטע האבן די אייגענע אחריות מסדר זיין מיט די קינדער וויאזוי מיטצוהאלטן, און נישט לאזן די קינדער אן א פערזענליכע אויפזוכט.

**בעפאר די מצוה טאנץ וועט א באס טראגן די פרויען בני המשפחה פון די זאל צום מצוה טאנץ.**

### בגדי שבת

**לרגל השמחה בבית צדיקים לובשין בדי שבת - שטריימל און ווייסע זאקן**

### פארקינג

פאר די אלע וועלכע קומען מיט קאר'ס, וועט זיין צוגעשטעלט צו פארקן פארנט פון די בניני המוסדות לויט די אנווייזונגען.

ביטע אויספאלגן די אנווייזונגען פון חברה שומרים.

### סדרנים

מען בעט בכל לשון של בקשה צוצוהעלפן צום סדר דורכ'ן אויספאלגן די אנווייזונגען פון די סדרנים במשך די גאנצע שמחה כדי די שמחה זאל זיין בע"ה לשם ולתפארת כראוי וכיאות לכבוד חצרות קדשינו.

### כלים האסורים

**עס איז נישט ערלויבט ארויסצונעמען קיין שום סמארטפאון וכדו' במשך די גאנצע שמחה. ווי אויך איז נישט ערלויבט דאס צו נוצן בכל בניני בתי מדרשינו ומוסדותינו כפי תקנת רבינו שליט"א.**

### אש"ל

צו רעזערווירן אש"ל בבניני הישיבות ארום די ימי השמחה, ביטע זיך פארבינן מיט וועד האש"ל 514-582-6380, אדער דורך קול איחוד טאהש 718-451-8674 עקס. 1141#

ויהא רעוא מן שמיא משמחה זו ישפע לנו שפע קודש והשפעות טובות בכל הענינים.

**ועד החתונה דקהל אור החיים ד'טאהש**

שישו ושמחו

בשמחת רבינו

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיהדו"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק הבת עין זי"ע

**דעם קומענדיגן דינסטאג - י"ב כסליו הבעל"ט געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגער "בת עין", הרה"ק רבי אברהם דוב בן רבי דוד זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו:

דער הייליגער בת עין זי"ע איז געבוירן געווארן צווישן די יארן פון תק"כ און תקכ"ה לפ"ק.

דער בת עין איז געווען א תלמיד פונעם הייליגער מאור עינים זי"ע, דער הייליגער באררדיטשובער זי"ע, דער הייליגער קדושת לוי זי"ע, דער אוהב ישראל זי"ע, און פונעם הייליגער דגל מחנה אפרים זי"ע, אויך איז ער געווען בידידות מיט'ן הייליגער רבי מרדכי מטשערנאביל זי"ע.

ער האט געדינט ברבנות אין שטאט זיטאמיר און אווריטש.

דער בת עין האט זייער שטארק משתוקק געווען דורכאויס זיין גאנץ לעבן צו ארויפגיין זיך באזעצן אין ארץ ישראל, און בערך צעהן יאר בעפאר זיין פטירה, אין יאר תקצ"ץ האט ער דאס טאקע ערפילט, און זיך באזעצט אין שטאט צפת.

אין יאר תר"א האט אויסגעבראכן א שווערע מגיפה אין צפת ל"ע, און דער בת עין האט גענומען אויף זיך צו זיין דעם קרבן ציבור, י"ב כסליו אין יאר תר"א לפ"ק האט דער בת עין אויסגעהויכט זיין נשמה, און דערמיט האט ער אפגעשטעלט דעם מגיפה.

דער בת עין איז געקומען למנוחת עולמים אינעם זעלבן מערה אין שטאט צפת וואו עס ליגט דער

הייליגער ערבי נחל, און דער הייליגער רבי אורי לייב מ'וואלטשיסק זי"ע.

### דער קאפיטאן שווערט

ווי באקאנט זענען אמאליגע צייטן די שיפן נאכנישט געווען אזוי פארגעשריטן, און עס האט געקענט נעמען א רייזע קיין ארץ ישראל עטליכע מאנאטן, ווי וואונדערליך איז געווען אז בשעת דער בת עין איז געפארן קיין ארץ ישראל, האט דער גאנצער רייזע גענומען בלויז 'זעכצן טאג'. דער קאפיטאן פונעם שיף האט

נאכן נסיעה געשוואוירן אז דאס איז געווען בזכות פונעם הייליגן בת עין וועלכער האט זיך געפינען אויפ'ן שיף.

### גארנישט געגעסן ערב יום הק' — געפאסט די גרינגסטע

עס איז געווען א חסיד פונעם הייליגער בת עין וועלכע האט געוואוינט אין טבריא, און איז געווען א שוחט. ער פלעגט אפט מאל קומען זיך מסתופף זיין בצילו הק' פונעם הייליגער בת עין. אבער פון גרויס חביבות און התקשרות צום הייליגער בת עין, פלעגט ער נישט קומען צופארן מיט קיין פערד אדער אייזל, נאר פלעגט גיין צופיס.

אפילו ערב יום הקדוש נאכן שטיין לאנגע שעות און שחט'ן די כפרות, האט ער זיך דאן ארויסגעלאזט צופיס, אויפן וועג קיין צפת, צו ווילן ביים הייליגער בת עין אויף יום הקדוש.

איינמאל ערב יום הקדוש זייענדיג אויפן וועג קיין צפת האט ער זיך פארבלאנדזשעט, און געקלעטערט אין די וועלדער, ביז ענדליך פארנאכטס איז ער אנגעקומען קיין צפת. אריינקומענדיג צום הייליגער בת עין אין בית המדרש האט מען שוין געהאלטן ביים סעודת המפסקת. ווען דער בת עין האט באמערקט זיין ליבליכער תלמיד, האט ער געגעבן א שריי צום אים, רבי משה לייב, דא האסטו שיריים, און האט געגעבן פאר דעם חסיד א לעפל זופ.

דער חסיד האט יארן שפעטער דערציילט, אז כאטש ער האט נישט געגעסן דורכאויסן גאנצן טאג, זייענדיג אויפן וועגן, האט ער נאך קיינמאל נישט געהאט אזא גרינגן יום הקדוש ווי ער האט געהאט נאכן עסן דעם לעפל זופ



שיריים פונעם הייליגער בת עין!

## דער הייליגער ספר בת עין

דער הייליגער בת עין האט מחבר געווען דעם הערליכן יסודות'דיגן חסידיש'ן ספר הקדוש בת עין, וועלכע ענטהאלט פון זיינע הייליגע דרושים נחמדים על דרך העבודה והחסידות.

די טעם פארוואס דער ספר ווערט אנגערופן בת עין, איז צוליב דעם וואס "בת עין" באטרעפט זיין נאמען "אברהם דוב בער", און אויך וויבאלד ער האט דערין אריינגעלייגט קדושת ארץ ישראל, אשר עיני ה' אלוקיך בה תמיד.

## דער ספר וואס איז "מלא אמת"

ווען דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע האט זיך דערוויסט אז איינע פון זיינע חסידים פארמאגן דעם הייליגער ספר בת עין, האט ער פון יענעם געבעטן אז ער זאל אים דאס פארבארגן אויף א קורצע צייט. שפעטער האט ער געבעטן דער חסיד אז ער זאל אים דאס לאזן האבן פאר נאך עטליכע וואכן. ווען דער חסיד האט געזעהן ווי שטארק דער תפארת שלמה איז מחשיב דעם ספר, האט ער זיך אנגערופן צום תפארת שלמה "איך געב אוועק דעם ספר פאר'ן רבי'ן במתנה". ווען דער תפארת שלמה האט דאס געהערט, איז ער געווארן אזוי בשמחה, אז ער האט זיך אנגערופן צום חסיד, "אפילו איר ווילט דאס יעצט צוריק אפקויפן דעם ספר פאר דעם הויכן סומע פון אכצן זהובים בין איך נאכאלטס נישט מסכים". דאן האט דער תפארת שלמה געבעטן אז מ'זאל שטעלן לעקיך און בראנפן, און געטיילט שריים פאר די אנוועזענדע חסידים, זאגענדיג "דער מחבר איז געווען א גרויסער צדיק, ער האט געוואוינט אין רוסלאנד אבער איך האב נישט געקענט פארן אזא ווייטע וועג, דעריבער פריי איך זיך מיטן ספר וואס איז מלא אמת".

## דער ספר איז פול מיט "יראת שמים"

רביה"ק זי"ע אין עבודת עבודה פאדערט אויף עטליכע פלעצער, אז מען זאל לערנען דעם ספר הקדוש בת עין, וועלכע איז פול מיט יראת שמים.

## די "זכותים" וואס ליגן אינעם ספר

אזוי אויך זאגט רביה"ק זי"ע אז עס איז א באזונדערע סגולה צו לערנען אין דעם ספר בת עין, ווייל היות דער בת עין האט נישט איבערגעלאזט קיין זרע של קיימא, האט ער נישט איבערגעגעבן זיינע כוחות פאר זיינע דורות נאך אים, דעריבער דער וואס לערנט אינעם ספר, און שעפט פון זיינע הייליגע דרכים, און לערנט פון די דברי תורה, איז אים דער בת עין מגין, און שיקט אים השפעות טובות וכל טוב.

## געלערנט יעדע וואך שבת דעם ספר בת עין

רביה"ק דערציילט אז זיין טאטע דער הייליגער דעמעטשער רב זי"ע פלעגט יעדע וואך שבת בעפארן דאווענען לערנען אינעם ספר בת עין, און פירט אויס: "אף כי בימים ההם הספר באותיות קטנות ולא היה ניקל כל כך ללמוד בו כמו היום".

## די גרויסקייט פון פראווענען א "סעודת הילולא" לעילוי נשמתו הטהורה פונעם "בת עין"

### מיר וועלן מסיים זיין מיט א שטיקל עבודת עבודה, וזל"ק:

ידוע לי ממשפחה אחת בארץ ישראל שנצרכו לישועה, ופעם נתן השי"ת בלבם, לערוך סעודה ביום ההילולא של הבת עין, ונושעו על ידי זה בישועה רבה, ומאז ממשיכים בכל שנה לערוך סעודה לכבוד הילולא שלו.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"ג מח)

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ט' כסלו | הרה"ק רבי דובער בן רבי שניאור זלמן זי"ע - מ'ליובאוויטש | תקפ"ח |
| י"ב כסלו | הרה"ק רבי אברהם דוב בן רבי דוד זי"ע - מ'אווריטש - בת עין | תר"א |
| י"ג כסלו | הרה"ק רבי ישראל בן רבי שמואל אליהו זי"ע - מ'מאדזיץ - דברי ישראל | תרפ"א |
| י"ד כסלו | הרה"ק רבי מנחם נחום בן רבי ישראל זי"ע - מ'שטעפינעשט | תרכ"ט |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| י"א כסלו | הרב החסיד ר' שלמה יחיאל מיכל בן ר' משה ע"ה ראזנער | תשע"ד | ביה"ח בקרית יואל |



## גליון באור החיים

רייכע הערליכער גליון אנגעפילט מיט מאמרים, מעשיות, הלכות, און פיל נאך, וואס ערשיינט יעדע וואך און ווערט צוכאפט דורך אלע אנ"ש



## איחוד טעלעפאון ביכל

א כל-בו מיט אינפארמאציע פון אלע אנשי שלומינו אין איין ביכל



## קול איחוד טאהש

הונדערטער שיעורי תורה פון רבני קהלתינו הק' ברחבי תבל וואס ווערט אויסגעהערט מיט א צוזאמענגעס קראפט דורך יונג און אלט



## מתאחדת בלעטל

וועכנטליכע בלעטל מיט אלע שמחות פון אנ"ש איבער די גאנצער וועלט, צו פארבינדן די הערצער פון אלע אנ"ש אלס איין גרויסע משפחה

## איחוד.

דער נערוו-צענטער פון כלל חסידי טאהש, מיט ענדלאזע אקטיוויטעטן צו פאראייניגן אלע אנשי שלומינו יעדן טאג אין יאר.

## און נאך אסאך, בהווה ובעתיד

יעדער וויל זיין א חלק דערפון. יעדער וויל דאס

NUAH 845.513.0001

### להתאחד בחורי אנ"ש

חבורות עבודת עבודה
אין אלע שטעט יעדן ליל
ששי אדער מוצש"ק מיט
נאך פילצאליגע פראיעקטן
געאייגנט פאר בחורי אנ"ש



### חברה ש"ס לע"נ רביה"ק זי"ע

דער שיינער סדר פון
לימוד גמרא לע"נ רביה"ק
זי"ע, אין וואס יעדער
מאנ"ש נעמט אנטייל



### חתונה פעקל פאר פרישע אינגעלייט

רייכע חתונה פעקל און
באגריסונג וואס יעדע
פרישע אינגערמאן באקומט
נאך די חתונה בשעת ווען
ער שטעלט אראפ די יסודות
פון זיין נייער שטוב על דרך
רבותינו



וד איז
אפלאז

### פרנסה ביחד

צו ארויסהעלפן אנשי
שלומינו אין די פעלד
פון פרנסה מיט הצלחה
בס"ד, דערצו אן
אינפארמאציע
ביזנעס ליסטינג.
נאך פעולות זענען
אצינד אין פלאן!

איחוד איז דא מיט איין ציל: צו פארשטערקערן אונזער
גייסט ברוחניות ובגשמיות און פאראייניגן אונזערע
הערצער, מיט סיי וועלכע פעולה עס איז נאר מעגליך

...ממשיך זיין. יעדער צאלט מעמבערשיפ.

מעמבערשיפ דרייוו
פאראייניגט. פארבינדן. פארשטערקערט.

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים

מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס

ע"י הרה"ג ר' יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן מר"ץ

## המשך הלכות תפילין

### באדעקן די של יד

לכתחילה איז גוט צו באדעקן די תפילין של יד [1]. דעריבער זענען דא וואס לייגן יעצט צוריק די בית'ל אויפן של יד [2], ס'דא וואס לייגן הערשט נאכן לייגן דעם של ראש [3], (ס'דא וואס לייגן בכלל נישט קיין בית'ל) [4].

ס'דא וואס פירן זיך, אז תיכף נאך די כריכות ציעט מען אראפ די ערמל, אז די של יד זאל זיין צוגעדעקט [5]. (די עיקר איז די תפילין, נישט די רצועות [6]. עפ"י אר"י שטייט, אז מ'זאל לייגן די תפילין של יד, 'בשעת' די האנט איז איבערגעדעקט מיטן טלית, נישט אין פארנט פון יעדן [7]. אבער דאס איז נישט געווענליך נוגע פאר א בחור).

אבער דעמאלט'ס זאל מען נישט אנטון אויך די רעקל, נישט זיך צו פארזוימען [8], (אזוי אויך אויב די ערמל איז שמאל און ס'שווער אראפצוציען, זאל מען נאר איבערדעקן די תפילין, און נישט די רצועות).

### אמן יהא שמי' רבא

אויב מ'הערט דעמאלטס אמן יהא שמיה רבא אדער נקדישך, זאל מען נישט ענטפערן [9].

(מ'נעמט נישט ארויס די של ראש פון די בייטל בכלל, ביז דער של יד ליגט שוין מהודק אויפן הענט [10]. אויב די של ראש איז מחמת איזה סיבה געליגן אינדרויסן אין די בית'ל, זאל ער נישט עפענען דעם של ראש ביז נאכן הידוק [11], און עפ"י קבלה איז דאס געזאגט געווארן אפילו דורך א אנדערע מענטש [12]).

### הנחת של ראש

נאכן ענדיגן לייגן אויף די האנט טאר מען נישט מפסיק זיין מיט רעדן, און אויך נישט מיטן גיין ד' אמות.

מ'נעמט מען ארויס די של ראש [13]. מ'געבט דאס א קוש [14], (ס'דא וואס קושן ווען ס'ליגט נאך אינעם האלטער (שיידל), אנדערע קושן דאס נאכן ארויסנעמען פון האלטער) [15].

מ'נעמט אראפ די רצועות פון די האלטער פון די תפילין.

אזויווי ביים של יד, אזוי טוט מען אויך ביים של ראש, מ'דרייט איבער די תפילין, אז די אויבערשטע חלק זאל מען האלטן אין די לינקע הענט, און אזוי עפענט מען אויף די האלטער, און מ'נעמט ארויס די תפילין, מיט זהירות אז די שפיצן פון די עקן זאלן נישט פגום ווערן.

מ'כאפט אן די תפילין מיט די רעכטע האנט, און די קשר מיט לינקע האנט [16]. (ס'דא וואס כאפן אן די תפילין מיט די לינקע האנט, און די קשר פון די תפילין מיט די רעכטע האנט [17]. לויט דעם איז גרינגער אז די פריעדיגע סעיף זאל ווערן געטון, אז מ'האלט די אויבערשטע חלק, און די רעכטע האנט און אזוי ווייטער).

מ'ציט אויס די רינג אקעגן די קציצה, צו זען צו די קשר איז פונקט אקעגן די של ראש, (אויב איז עס אביסל אוועקגערוקט, דארף מען עס אביסל רוקן ס'זאל זיין אינמיטן).

---

1 לבוש (סי' כז סוסי"א, מובא בשע"ת (סקי"ז) דתש"י יהיו מכוסין בבגדו דכתיב לך לאות ולא לאחרים לאות, (אבל משם אין ראיה שגם בעת הנחה צריך להיות כך רק די לכסות גם אחר הנחה), אליה רבה (סי' כז), ולכן כתב במ"ב (סי' כז סקמ"ז) ש'מ"מ לכתחילה טוב יותר לכסותם', אבל לא כתב מתי דגם אחר הנחה יכול לכסות.

2 דינים והנהגות להחזו"א (פ"ג אות ח).

3 עובר אורח (סי' כה ס"א) 'ראוי להזהיר להרבה אנשים שממשיכין בשתי ידים של הכתונת ובגד עליון על התש"י בטרם יניחו הש"ר והוא הפסק גדול, ואם כוונתם רצויה שלא להיות לאחרים לאות די במעט בהמשכת הבית יד של הכתונת לבד און להטות א"ע מעט ויתכסה מאליו, אולם תיק התפילין נ"ל שאין חשש [להניחו על התפילין] ומה שהחמיר בפתח"ת הוא שלא להניחו קודם הברכה של ראש שנראה כאלו כן המצוה אבל אח"כ אין חשש וכן חזינא לרבנן קשישאי דעבדי הכי'.

4 שו"ת תשורת שי, וערוגת הבושם, (מוזכר במקום אחר) שס"ל שאין להניחם, אבל מנהג העולם כהמתירים.

5 כן מנהג רביה"ק מ'טאהש זי"ע; וכן נהג הרה"ק מסאטמאר זי"ע להזהיר לבחורי בר מצוה, (הרימותי בחור מעם עמ' 81); וכן מנהג סקווירא, ואף שעי"ז נקרע קצת השרוול המשיך כ"ק מרן מסקווירא זי"ע למשוך עד שכיסה התפילין.

ועי' בשערים מצויינים בהלכה (סי' י קו"א ס"ח) שמבאר 'דאף שמשהה קצת בין של יד לשל ראש, כיון שאמרו חז"ל מנחות (לז:) לך לאות ולא לאחרים לאות, ועפ"י קבלה צריכים לכסות לכן אינו נקרא הפסק', ושבמהרי"ל (תפילין עמ' פב) משמע דכ"ז שלא סילק ידיו ממנה לא הוי הפסק 'שאלו למהרי"ל אם כריכת הרצועה סביב הזרוע חשוב הפסק להנחת של ראש ואמר דחשוב עוסק במצוותה כ"ז שלא סילק ידיו ממנה ולא הוי הפסק'.

6 אפיקי מגינים (סי' כה סקכ"ז) 'וכן יש להחמיר מלהוריד הבית יד על ידו, קודם הנחת של ראש, רק לכסות על הקציצה לחוד, וכ"ש דאסור להניח התיק על התש"י קודם הנחת ש"ר' (והנוהגים לכסות השל יד קודם לשל ראש ומניחים תיק על התש"י, לא נוהגים להחמיר כהאפיקי מגינים שלא להניח התיק), וכן נראה ממ"ב (סי' מג סק"כ) בשם שו"ת הרדב"ז (ח"ד סי' לו) בדין ההולך במבואות מטונפות שכתב 'ומשמע שם (ברדב"ז) דהדל"ת והיו"ד שברצועות א"צ לכסות שהם דרך קשירה לא כתיבה', והיו"ד הלא צמוד הוא להתפילין, נמצא שהמכסה התפילין ש"י, אינו בהכרח שיכסה גם היו"ד שבו. משמע שרק על הקציצה נאמר הקפידא שיהי' מכוסה ולא על הרצועות. אכן כמה נוהגים ללהפשיל עד למטה. וכ"כ בשו"ת באר משה (ח"ה סי' י אות יא).

7 שער הכוונות להאריז"ל: 'סדר הנחת התפילין בתחילה יקשור תש"י בזרועו השמאלי על הקיבורת ויכסה זרועו בטלית כדי שתהא הנחת תפילין בהצנע', וכ"כ בפרי עץ חיים (פ"י מתפילין); לקט יושר (עמ' יד); שלמי ציבור (דף ל"ט ע"ב), ברכ"י (סי' כז סק"ה) (מביא הלבוש ושבהגהות מהר"א אזולאי כתב על הלבוש דמשום הכי נהגו המדקדקים להאפיל בטלית בשעת הנחת תש"י). מקור חיים (להחו"י סי' כה ס"ז) 'יש להזהר שלא לגלות אפילו זרועו כשמניח תפילין, יען כל אבריו של אדם רומזים דברים גדולים ונוראים ואין שבח כצניעות'. ובבן איש חי (וירא אות טו) מוסיף 'ויש סוד בדבר ע"כ אפילו יושב לבדו ואפילו בבית אפל ג"כ יכסה הזרוע בטלית'. ובהגהות אמרי ברוך (מהגר"ב פרענקל על מג"א סק"ו) שנראה דעת המג"א דצריך לכסות התש"י בשעת הברכה דכל שהוא מגולה אינו מקיים המצוה, בן איש חי (שנה א פ' וירא). משמע שבשעת ההנחה צריך להיות מכוסה.

ועי' בלקט הקמח החדש (סי' כה סקל"ב) ש'אפשר שזה בהקשירה של יד לבד ג"כ מספיק, דלכרוך הרצועות על הזרוע, אפשר שיהי' קשה כשהוא מעוטף בהטלית'. אבל אם הטעם הוא צניעות א"כ אין נפ"מ.

ולפ"ז בחורים יכסו במעיל בשעת הנחת תפילין כדי שתהא הנחת תפילין בצנעה, אך בחור בגיל בר מצוה קשה לדקדק בכך לפי שצריך להסתכל אם התפילה מונחת על מקומה, גם כמדומה שאין נהוג ללמד זה לבחורים.

8 עובר אורח (סי' כה, הלשון מובא בהערה לעיל).

9 שו"ע (סי' כה ס"י): 'אם שמע קדיש או קדושה בין תש"י לתש"ר לא יפסיק לענות עמהם אלא שומע ושותק ומכון למה שאומרים'. ואם ענה עי' מ"ב (סקל"ו).

10 שו"ע (סי' כה סי"א) דרך החיים, ובמג"א (סקי"ט) דכשנוטלה בידו ואינו מניחה הוי כמעביר על המצוות.

מ"מ פתיחת השל ראש בין הנחה להנחה לא הוי הפסק, כיון דהוי צורך הנחה (ב"י יש נוהגין).

11 דרך החיים, ועי' מ"ב (סקל"ט) דאפילו להוציא שניהם יחד שאין בזה משום אין מעבירין על המצוות מ"מ יש ליזהר עפ"י קבלה.

12 פרמ"ג (א"א סקי"ט). אכן עי' בן איש חי (וירא סי"ט) ששמש יכול להכין לו קודם שכרך שבעה כריכות על הזרוע ורק אחר שיקשר במקום הקיבורת.

13 שו"ע (סי' כה ס"ט).

14 הגם שהשל"ה הקדוש כתב שאין לנשק התפילין של ראש קודם הנחה, מ"מ מנהג העולם לנשק.

15 ויש הסוברים שאין לנשק התפילין של ראש, כי יש חשש הפסק בין התפילין של יד, והשל ראש.

16 יפה ללב (סי' מ) 'ואני נוהג לאחוז הקשר ביד שמאל, והקציצה ביד ימין ואשימם על ראשי', וכן עמא דבר.

17 מצות תפילין להשל"ה (פ"ח אות ה) 'קבלתי וכו' בעת ההנחה יאחוז הקשר ביד ימין והקציצה ביד שמאל ויניחם בראש', והגהות הרא"ש (תפארת שמואל, ברכות פ"ג סי' לח).

## מוסף שבועות

וּבְיוֹם עֲצֶרֶת מַקְרִיבִין מוּסָף עַל הַתְּמִידִים שְׁנֵי מִינִין מִן הַקָּרְבָּנוֹת:

הָאֶחָד מֵהֶן הוּא מוּסַף הַיּוֹם כְּמוֹ מוּסַף רֹאשׁ חֹדֶשׁ, שֶׁהוּא:

- פָּרִים שְׁנַיִם
- אַיִל אֶחָד
- וְשִׁבְעָה כְּבָשִׂים

כֻּלָּן עוֹלוֹת.

- וְשָׂעִיר לְחַטָּאת.

וְהַמִּין הַשֵּׁנִי מַקְרִיבִין עִם שְׁתֵּי הַלֶּחֶם כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר בַּתּוֹרָה:[1]

- פַּר אֶחָד
- אֵילִים שְׁנַיִם
- שִׁבְעָה כְּבָשִׂים

כֻּלָּן עוֹלוֹת.

- וְשָׂעִיר לְחַטָּאת
- וּשְׁנֵי כְבָשִׂים שְׁלָמִים.

נִמְצָא כָּל מַה שֶּׁמַּקְרִיבִין בְּיוֹם עֲצֶרֶת אַרְבָּעָה עָשָׂר כְּבָשִׂים עוֹלוֹת, וּשְׁנֵי כְּבָשִׂים שְׁלָמִים, וּשְׁלֹשָׁה פָּרִים עוֹלוֹת, וּשְׁלֹשָׁה אֵילִים עוֹלוֹת גַּם כֵּן, וּשְׁנֵי שְׂעִירֵי עִזִּים חַטָּאת. נִמְצָא הַכֹּל אַרְבָּעָה וְעֶשְׂרִים.

## מוסף ראש השנה

וּבְיוֹם רֹאשׁ הַשָּׁנָה מַקְרִיבִין מוּסָף עַל הַתְּמִידִים.[2] וּמוּסַף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַנִּזְכָּר:

- פַּר
- וְאַיִל
- וְשִׁבְעָה כְּבָשִׂים

כֻּלָּן עוֹלוֹת.

- וּשְׂעִיר עִזִּים לְחַטָּאת.

## מוסף יום הכיפורים

וּבְיוֹם הַכִּפּוּרִים מַקְרִיבִין הַצִּבּוּר:

- פַּר
- וְאַיִל
- וְשִׁבְעַת כְּבָשִׂים

כֻּלָּן עוֹלוֹת.

- וּשְׂעִיר חַטָּאת.

כְּמוֹ מוּסַף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּשָׁוֶה.

וּמַקְרִיבִין עוֹד:

- שְׂעִיר חַטָּאת אַחֵר שֶׁחֲבֵרוֹ שָׂעִיר הַמִּשְׁתַּלֵּחַ. וְזֶה הַשָּׂעִיר יִשָּׂרֵף כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בַּתּוֹרָה.
- וְאַיִל אַחֵר לְעוֹלָה הָאָמוּר בְּאַחֲרֵי מוֹת.[3]

## מוסף סוכות

וּבְיוֹם רִאשׁוֹן שֶׁל חַג הַסֻּכּוֹת מַקְרִיבִין מוּסָף עַל הַתְּמִידִים:

- פָּרִים שְׁלֹשָׁה עָשָׂר
- אֵילִים שְׁנַיִם
- כְּבָשִׂים אַרְבָּעָה עָשָׂר

כֻּלָּם עוֹלוֹת.

- וְשָׂעִיר לְחַטָּאת.

נִמְצָא מִנְיַן הַכֹּל שְׁלֹשִׁים. וְכֵן הוּא קָרְבַּן כָּל יוֹם מִשִּׁבְעַת יְמֵי הֶחָג, רְצוֹנִי לוֹמַר שְׁנֵי אֵילִים וְאַרְבָּעָה עָשָׂר כְּבָשִׂים וּשְׂעִיר חַטָּאת.[4] אֲבָל הַפָּרִים הוֹלְכִים וּפוֹחֲתִים מֵהֶן אֶחָד בְּכָל יוֹם, עַד שֶׁנִּמְצְאוּ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי:

- פָּרִים שִׁבְעָה
- אֵילִם שְׁנַיִם
- כְּבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה אַרְבָּעָה עָשָׂר

כֻּלָּן עוֹלוֹת.

- וּשְׂעִיר חַטָּאת

נִמְצָא הַכֹּל אַרְבָּעָה וְעֶשְׂרִים.

## מוסף שמיני עצרת

וּבְיוֹם הַשְּׁמִינִי מַקְרִיבִין מוּסָף עַל הַתְּמִידִים:

- פַּר
- וְאַיִל
- וְשִׁבְעָה כְּבָשִׂים

כֻּלָּן עוֹלוֹת.

- וְשָׂעִיר לְחַטָּאת.[5]

## כמה מוספין ביחד

וְאֵלּוּ הַקָּרְבָּנוֹת שֶׁזָּכַרְנוּ שֶׁהֵם נִקְרָאִים בְּאֵלּוּ הַיָּמִים מוּסָף, לְפִי שֶׁהֵם קְרֵבִין בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם מוּסָף עַל שְׁנֵי תְּמִידִין שֶׁל יוֹם, אִם חָל אַחַת מֵהֶן לִהְיוֹת בְּשַׁבָּת מַקְרִיבִין מוּסַף שַׁבָּת וְאַחַר כָּךְ מוּסַף הַיּוֹם.[6]

עַד שֶׁאִם חָל רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּשַׁבָּת הֵן מַקְרִיבִין תְּחִלָּה תָּמִיד שֶׁל שַׁחַר, וְאַחֲרָיו מוּסַף שַׁבָּת, וְאַחֲרָיו מוּסַף רֹאשׁ חֹדֶשׁ, וְאַחֲרָיו מוּסַף הַיּוֹם, וְאַחַר כָּךְ תָּמִיד שֶׁל בֵּין הָעַרְבַּיִם. וּשְׁמֹר הָעִקָּר הַזֶּה, וְעוֹד יִתְבָּאֵר כָּל זֶה בַּעֲשִׂירִי מִמַּסֶּכֶת זְבָחִים.

דיני קרבן ציבור

וְאֵלּוּ הֵן קָרְבְּנוֹת צִבּוּר מְחֻלָּטִין וְהֵן הַנִּקְרָבִים תָּמִיד, עֲלֵיהֶן אֵין לְהוֹסִיף וּמֵהֶן אֵין לִגְרֹעַ, וְכֻלָּן דּוֹחִין אֶת הַשַּׁבָּת וְאֶת הַטֻּמְאָה כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ בִּפְסָחִים.

וּכְבָר נִתְבָּאֵר לְךָ שֶׁאֵין בְּקָרְבַּן צִבּוּר שְׁלָמִים אֶלָּא שְׁנֵי כִּבְשֵׂי עֲצֶרֶת בִּלְבַד. וְאֵין בָּהֶן אָשָׁם כְּלָל. וְיֵשׁ בְּקָרְבְּנוֹת הַצִּבּוּר שְׁנֵי מִינֵי הַחַטָּאת, רְצוֹנִי לוֹמַר שֶׁאוֹכְלִין מוֹתָרָהּ וְשֶׁשּׂוֹרְפִין מוֹתָרָהּ, וְהוּא שָׂעִיר שֶׁל יוֹם הַכִּפּוּרִים לְבַדּוֹ.

---

[1] בפרשת אמור במצות שתי הלחם נאמר וְהִקְרַבְתֶּם עַל הַלֶּחֶם שִׁבְעַת כְּבָשִׂים תְּמִימִם בְּנֵי שָׁנָה וּפַר בֶּן בָּקָר אֶחָד וְאֵילִם שְׁנָיִם. ואין זה מוסף של חג השבועות, אלא קרבן אחר הוא זה ובא חובה לשתי הלחם, ושונה מן קרבן מוסף בזה שיש פר אחד ושני אילים ועוד שני כבשים לשלמי ציבור.

[2] חוץ ממוסף של ראש חודש, כמו שיבואר להלן.

[3] כמו שכתוב בתחילת הפרשה, וּמֵאֵת עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יִקַּח שְׁנֵי שְׂעִירֵי עִזִּים לְחַטָּאת וְאַיִל אֶחָד לְעֹלָה. והנה במסכת יומא (ע, ב) נחלקו תנאים בדבר: לדעת רבי אלעזר ב"ר שמעון אין זה איל של מוסף היום אלא איל אחר הבא חובה ליום, ולדעת רבי זהו אותו איל של מוסף היום האמור בפרשת פינחס. והנה הרמב"ם נקט כאן כרבי אלעזר ב"ר שמעון, אבל במשנה תורה (תחילת עבודת יום הכפורים) פסק כרבי.
ונוסף על אלו היה ג"כ פר ואיל שמקריב כהן גדול ביום הכיפורים. אך אין זה קרבן ציבור, ולהלן מביאו הרמב"ם אצל "קרבן יחיד הדומה לקרבן ציבור".

[4] כלומר שהאילים והכבשים והשעיר נשארים בכל יום ממי החג כביום ראשון, אבל הפרים פוחתים והולכים.

[5] נמצא מוספי כל המועדים כך הם: בראש חודש וברגל מקריבים שני פרים, איל אחד, שבעה כבשים, ושעיר לחטאת. חוץ מחג הסוכות שהכבשים והאילים הם כפולים משאר הרגלים, והפרים מתחילים מ-14 ופותחים והולכים עד 7. ובראש השנה ויום הכיפורים ושמיני עצרת מקריבים פר אחד במקום שני פרים. ובחגים מסוימים יש קרבנות נוספים שאינם מכלל המוסף, והם: יום שני של פסח, שבועות, ויום הכיפורים.

[6] כפי הכלל "תדיר ושאינו תדיר, תדיר קודם".

בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה

# למזל טוב

קול חתן וקול כלה

מזמור שיר חנוכת הבית החדש הזה נזמר בשבחים
זה היום עשה השם נגילה ונשמחה בתעצומות עוז
להתעלס באהבים אקרא למאהבינו בשמחות וגיל
טוב והחסד נודה לשמו דמסגא למעבד טבון וקשוט
ותשבעו ותתענגו ותקחו לכם מזמרת הארץ מאור זיו
בגילה ובדיצה עדי נזכה לשמחה השלימה בזמן קריב

בשבח והודאה להשי"ת על כל הטוב והחסד אשר גמלנו, כה יוסיף ה' לנו
שהחיינו וקימנו ולזמן הזה הגיענו, לעת משוש כלולת אפריון בני היקר, ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש בנש"ק

**הרב צבי הירש שליט"א**

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה בתש"ק

**מרת פיגא סערל תחי'**

בת מחו' הרה"ג שלהיו"ח מוהר"ר יואל דייטש שליט"א
בן הגה"צ מוהר"ר יעקב חיים שליט"א מח"ס מגיני השלחן
וחתן הגה"צ מוהר"ר ישראל מנחם וואגשאהל שליט"א מלאנצוט

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

**ביום ב' לסדר "ואתה אמרת היטב איטיב עמך" (וישלח)**

אול"י י"ב לחודש כסלו תשפ"ו לפ"ק

ולמס' Dec. 1

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

**באולם עטרת חי' שרה**

106 S Madison Ave, Spring Valley, NY

ואי"ה בבוא מועד שמחתכם בתת ה' שמחה במעונכם גם אנו נשמח בשמחתכם
ויה"ר שמשמחה זו תתברכו בכפליים במלוא חפניים אורך ימים ושנות חיים בשמחת ציון וירושלים אמן

ידידכם המצפה לקראת בואכם לשלום ולקבל פניכם באהבה ושמחה

**שלמה יונגער וב"ב**

דומ"ץ ביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש

קרית יואל יע"א

---

בעזרת השם יתברך

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון קול שמחה קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת ובלב מלא שמחה
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

**אשר ענזיל** נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה

**אסתר ברײנדל** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ב' לס' ואתה אמרת היטב איטיב עמך (וישלח)
י"א לחודש כסלו שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
קבלת פנים בשעה 6:00 - החופה בשעה 7:00

באולם כתר ריזל

212 WILSON STREET, BROOKLYN, NEW YORK

ידידכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
יואל סג"ל קרויס וב"ב

הורי הכלה
יוסף מענדל הכהן כץ וב"ב

---

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו

קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

בלב מלא שמחה וברוב שבח והודאה
על העבר ובקשה על העתיד להשם יתברך
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידנו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

**שמעון** נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה

**חיי ברכה** שתחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום רביעי לסדר "ומלכים מחלציך יצאו" (וישלח)
אור ליום י"ד כסלו תשפ"ו לפ"ק

קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

באולם כתר ריזל
ברוקלין, ניו יארק

הורי החתן
חיים יוסף בן ציון רייז
וב"ב

הורי הכלה
אברהם יצחק מערמעלשטיין
וב"ב

---

אל מעלת כבוד חברינו
וידידינו הנאמנים, אנשי
שלומינו תלמידי וחסידי
כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע,
ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו
שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא
ולהשתתף ולהתעלס באהובים
בעת שמחת נישואי צאצאינו
היקרים, בזמן ובמקום המוגבל
הנ"ל, ובעזרת השם בעת
שמחתכם ומועדיכם ישמח
לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

---


ארײנצולײגן
אײער הזמנה
ביטע רופט
ארײן צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענשן
840




אלכסנדר
גאלדבערגער


הלכה כרבי יצחק
יצחק אייזיק סג"ל קרויס


סיום טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל
מזלא טבא וגדיא יאה
יושע ניימאן
לרגל הולדת בנו


יואל סג"ל קרויס
בנישואי בנו למזל טוב


בעזהשי"ת
מזלא טבא וגדיא יאה
בשמחה רבה וכבוד הערצה, הננו מברכים ברכת מזלא טבא וגדיא יאה, אל מול פני רום מעלת כבוד רב האי גאון הצמוד בקירות לבבינו, מפורסם בדרשותיו ובשיעוריו הנעימים המאירים לב שומעיהם
הרב הגאון פאר מקדושים
דומ"ץ
דקהלתינו הקדושה
שליט"א
לרגל שמחת נישואי בנו למזל טוב ובשעטומ"צ
ובעת כזאת אשר השמחה במעונו שרויה נביע את רגשי הכרת הטוב המונח בלבינו זה זמנים טובא
על גודל מסירתו בכל לבו ונפשו למען כל קדשי בית מדרשינו המפוארה, ולכל באי בית ה' בפנים מאירות מפנימיות הלב, ובכל דרשותיו ושיעוריו הנעימים, המאירים את לבבינו בהלכה ובהשקפה, בשפה ברורה ובנעימה
ובפרט בשיעור יומי הנפלא "הלכה למעשה" בסדר השו"ע, בהקדם שיעור נפלא "בפירוש התפלה", אשר נלמד בטוב טעם ודעת מתוקים מדבש
ומה גם שמסור אלינו בכל עת ובכל שעה, בהשכל ובדעת ישרה, להרבות פעלים להרמת קרן התורה והעבודה בקרב מחנינו
ויה"ר מן קדם מרן אבוהן דבשמיא, שמעלת כבוד הדומ"ץ שליט"א תרוו רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח, עביגוא"צ בב"א.
השמחים בשמחתכם ומברכים בהערצה
הנהלת התאחדות אברכים בשם כל הקהל הקודש
גם אנו מצטרפים
חברי מקשיבי השיעור
אברהם ישעי' ווייס, אברהם יששכר בער דייטש, אברהם משה גליק, אברהם קעלנער, אהרן אלי' עסטרייכער, אהרן אליעזר גרינהוט, אהרן יחזקאל דוב סג"ל לאווען, אלימלך שמשון סג"ל קרויס, אלתר חנני' יו"ט ליפא פרידריך, ארי' הערשקאוויטש, אשר אנשיל בערגער, אשר ענזיל בר"א סג"ל קרויס, בנימין ליפא גאלדבערגער, ברוך משה כהן, דוד חיים מאשקאוויטש, הגה"צ אב"ד בן ביתי, הגה"צ אב"ד תפארת יחזקאל, הערשל הירש, זלמן לייב שטעסל, חיים וואלף פעלדמאן, חיים נחום לעבאוויטש, חיים שלום קליינמאן, יהוסף צבי ראטענבערג, יואל אשר טארים, יואל בר"א אקער, יואל בר"ש גוטמאן, יואל גאנדל, יואל גלויבער, יואל גרינהוט, יואל דויד לייפער, יואל וואלטער, יואל לעפקאוויטש, יואל קלמן הערשקאוויטש, יואל רובינשטיין, יודא לייב הכהן פישער, יוסף חיים וויינגארטן, יוסף משה מרדכי שווארץ, יושע גאלבערגער, יושע פויגעל, יחיאל ברייער, יעקב יצחק יואל וויינגארטן, יצחק וואלף לעפקאוויטש, יצחק יואל עסטרייכער, יצחק יונה שטערנבערגער, יצחק שמואל פויגעל, יקותיאל יעקב קעסטנבוים, ירמי' גאלדשטיין, ישכר בעריש הירשלער, ישראל ברוך שאול גרינוואלד, ישראל יוסף ווייס, ישראל שניאור זלמן סג"ל ראטמאן, לוי יצחק הערשקאוויטש, לייב בלום, מאיר יוסף ביקסענשפאן, מאיר יעקב טייטלבוים, מאיר נתן מאנדל, מיכאל חיים כהן, משה בצלאל פרידריך, משה חיים יוסף גליק, נח הערש־קאוויטש, נחמן לעפקאוויטש, נפתלי מאסרי, נפתלי מנחם לאנדא, נפתלי סופר, נתן גאנדל, נתן נטע מענדלאוויטש, עזריאל מאיר יואל רובינשטיין, פנחס גלויבער, פנחס יואל לאנדא, צבי אבי־גדור ראזענבוים, צבי ארי' אינדארסקי, שלמה גוטמאן, שמואל דוד גוטמאן, שמואל יודא מאיר יאראסלאוויטש, שמואל מרדכי נאה, שמואל משה מנחם סאנדעל, שמעון שפיגל.



לאור

# באור החיים

## א טיפערע אריינבליק איבער די רוחניות'דיגע אנטוויקלונגען בישיבה של רבי

### דערהויבענע ביקור קודש, תפלת שחרית, ומסיבת לחיים פון ריש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א לאזט איבער רישומא דקדושא צווישן די תלמידים

די פארלאפענע פרייטאג ראש חודש כסליו האבן די תלמידי הישיבה געהאט די זכי' אז מרן ריש מתיבתא קדישא כ"ק רבינו שליט"א איז געקומען לבקר בהיכלו, און אינאיינעם אפרעכטן א דערהויבענע תפלת שחרית בצוותא חדא, און דערנאך פראווענען א מסיבת לחיים לכבוד ראש חודש.

מרן רבינו שליט"א איז ערשינען בהיכל הישיבה אין די פריע פארטאגס שטונדען, און זיך אומגעקוקט מיט א קענטיגע הנאה ווי די תלמידים גרייטן זיך צו צום דאווענען בלימוד ספרי החסידות ווי עס פאסט פאר חסידישע בחורים.

מען האט זיך געשטעלט דאווענען א דערהויבענע תפלת שחרית כוותיקין, צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח ארי' סאנדעל ני"ו, און מרן רבינו שליט"א איז צוגעגאנגען צו הלל מיט גרויס התעוררות, און ביי קריה"ת עולה געווען לתורה, און צו תפלת מוסף איז צוגעגאנגען הבה"ח יוסף שפיטצער ני"ו.

נאכ'ן דאווענען האט מען זיך געזעצט צו א מסיבת לחיים, ווי מען האט אינאיינעם געזינגען ווארימע ניגונים, און דאן האט מרן רבינו שליט"א משמיע געווען ווארימע דברות קודש, צום ערשט האט די רבי ארומגערעדט איבער די יומדהל"ק פון הרה"ק רבי ר' הערש מ'רימוניב זי"ע, און פארציילט סיפורים ועובדות איבער זיין עבודת התפלה און מידת השמחה, און דאן האט די רבי ארומגערעדט בשבח ומעלות ישיבתינו הק', ארויסברענגדיגע קורת רוחו, צוריק-הערנדיג געוואלדיגע גוטע גריסן פון די צוות הישיבה, ווי די תלמידים לערנען פלייסיג בהתמדה רבה, און שטייגן על במתי התורה וחסידות.

די דערהויבענע באזוך פונעם רבי'ן האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף די תלמידים ווייטער אנצוגיין ביתר שאת ועוז, און זיך צוגרייטן צו די לעכטיגע חנוכה טעג הממשמשים ובאים.

**תלמידי הישיבה אונטערן רושם פונעם געהויבענעם באזוך דורך ריש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א בהיכל הישיבה**

**רבינו שליט"א רעכט אפ מסיבת לחיים, און משמיע דברות קודש**

**הערליכע סעודת ראש חודש געפראוועט ביין כותלי הישיבה בשבת אחים גם יחד**

**פריוואטע מלוה דמלכה בחצר בית המלכות**

**תלמידי שיעור ג' זענען זיך מפלפל בריתחא דאוריתא אין די שווערע סוגיות בהלכות טריפות**

## סעודת ראש חודש געפראוועט געווארן בין כותלי הישיבה בשבת אחים גם יחד

די פארלאפענע ליל שישי ר"ח כסליו איז אפגעראכטן געווארן בין כותלי הישיבה א ספעציעלע סעודת ראש חודש, ווי די תלמידי הישיבה האבן זיך געוואשן צום סעודת ראש חודש און פארברענגט בשבת אחים גם יחד אויף א געשמאקע פארנעם.

בעת די סעודה האט מען געזינגען פארשידענע ניגונים וזמירות שירות ותשבחות, און הרה"ג המנהל שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט טרעפליכע דיבורים בעניני דיומא.

אויך האט אויפגעטרעטן די מגידי שיעורים הרה"צ רבי זאב ראזענבוים שליט"א-חדב"ן און הרה"ג רבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, וועלכע האבן איבערגעגעבן א דרשה פאר די תלמידים, להתאמץ בתורה וחסידות, און מאכן די ריכטיגע הכנה צו קענען מקבל זיין די אורות והשפעות פון די לעכטיגע חנוכה טעג.

נאך ברהמ"ז האבן די תלמידים ווייטער אינאיינעם פארברענגט מיט די חשוב'ע מגידי שיעור, און אויסגעניצט די צייט שמועסנדיג בדברי תורה וסיפורי צדיקים.

*

## תלמידי שיעור ג' האלטן מיט א ספעציעלע מסיבת מלוה דמלכה אויף א פריוואטע פארנעם בביתו נאוה קודש

די פארלאפענע מוצאי שב"ק זענען די תלמידי שיעור ג' געלאדענט געווארן צו א ספעציעלע מסיבת מלוה דמלכה, בביתו נאוה קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, לרגל די יום הצלה ג' כסליו, בעת ווען 6 יאר צוריק איז מרן רבינו שליט"א געווען פארמישט אין א שווערע עקסידענט. צום מלוה מלכה זענען אויך פאררופן געווארן די משפחת המלוכה בני וחתני כ"ק מרן רבינו שליט"א, און אזוי אויך די משמשים בקודש משתתפי הנס.

מרן רבינו שליט"א האט ספעציעל געלאדענט די תלמידי שיעור ג' צום מלו"מ זיך צו קענען משתעשע זיין פונדערנאנט מיט די געטרייע תלמידים, און דאס איז די ערשטע פריוואטע מלוה דמלכה וואס די רבי האט פאררופן, מיט א פלאן אין די קומענדיגע וואכן אויך צו פראווענען א פריוואטע מלוה דמלכה פאר יעדע כתה באזונדער בעז"ה, מיט'ן ציל אז די געטרייע מנהיג וראש ישיבה זאל האבן די געלעגנהייט זיך אומצוקוקן אויף א נאנטע פארנעם אויף זיינע געטרייע תלמידים, און די תלמידים זאלן האבן די געלעגנהייט נהנה צו זיין עצה ותושי' והדרכה אויף א גאנץ לעבן.

די ערשטע חלק פונעם מלוה דמלכה איז געווען מיוחד אויף א גאר פריוואטע פארנעם, וואס דאן האט די רבי פארברענגט מיט די תלמידים און פארציילט סיפורי צדיקים וזכרונות ימי קדם, און די בחורים האבן געהאט די געלעגנהייט צו פארציילן סיפורים אויף וואס מרן רבינו שליט"א האט מעיר געווען פארשידענע מנהגים וענינים שונים, און עס האט זיך פארפירט א פאטערליכע שמועס למשך א לענגערע ווייל, פון וואס די תלמידים האבן דערפון ארויסגענומען הויפענס חיזוק און יראת שמים.

שפעטער בעת די מלוה מלכה האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, ובנו הרה"ח ר' יואל אלחנן הי"ו משב"ק וממשתתפי הנס, וועלכע האבן ביידע אייניג ארויסגעברענגט די חיוב הודאה וואס פארלאנגט זיך בעת ווען א מענטש גייט דורך א נס, ובפרט ווען עס רעדט זיך פון א געטרייע מנהיג איז יעדער מחויב צו אפגעבן א שבח והודאה להשי"ת, ובפרט די תלמידים הקרויים בנים.

אויך האט אויפגעטרעטן די חשוב'ע מגי"ש הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א-חדב"ן, וועלכע האט איבערגעגעבן א גריס פאר'ן רבי'ן, ווי די בחורים זענען זיך ממית באהלו של תורה מיט א אמת'ע יגיעה עצומה, לערנענדיג די שווערע טיפזינגע הלכות אין הל' טריפה, און נעמען צוזאם די לימודים אויף א אופן עס זאל בלייבן איינגעקריצט פאר לאנגע יארן.

נאך ברהמ"ז האט מען זיך אינאיינעם אויפגעשטעלט טאנצן חסדי השם כי לא תמנו, צו לויבן און דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע ניסים און חסדים, און די בחורים האבן זיך צוריקגעקערט אין ישיבה מיט געהויבענע געפילן און חיזוק אנצוגיין ווייטער.

*

## ריתחא דאוריתא צווישן די תלמידי שיעור ג' לערנענדיג די שווערע הלכות אין הל' טריפה לעמקה של הלכה

אין די יעצטיגע וואכן האבן די תלמידי שיעור ג' אנגעהויבן בשעטו"מ צו לערנען הלכות טריפות, נאכדעם וואס די תלמידים האבן שוין אין די לעצטע 2 יאר קונה געווען גאנץ הל' בשר וחלב און הל' תערובות.

די שיעור הלימוד ווערט איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע מגי"ש הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א- חדב"ן, ווי עס ווערט איבערגעגעבן א ריכטיגע שיעור עיון, און נאכ'ן שיעור טוען די תלמידים איבער'חזר'ן די לימודים מיט א מורא'דיגע קלארקייט, לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא.

מיטצוהאלטן וויאזוי דער שיעור ווערט איבערגעגעבן איז א עקסטערע תענוג רוחני פאר זיך, ווי די גאנצע חדר השיעורים איז איינגעהילט אין א אש התורה, ווען אלע תלמידים צוגלייך האלטן מיט די שיעור און מען פרעגט אריין זייענדיג זיך מפלפל מיט א ריתחא דאוריתא, עוקר הרי הרים וטוחנן זו בזו בסברות ישרים.

עקסטער בעת ווען מען האט געלערנט די טופע סוגיא פון נחבסה הגולגולת, האט זיך געטון צווישן די תלמידים א געוואלדיגע פלפול, וועלנדיג ארויסהאבן די סוגיא על בורי', האבן די תלמידים נאכגעזוכט אין פולע ספרים און מעיין געווען אין בילדער וועלכע זענען מבאר די סוגיא, און אזוי אויסגעקלארט אלע שיטות.

אויך האט די חשוב'ע מגי"ש שליט"א אויסגעשטעלט א ספעציעלע סיסטעם לחזרת הלימודים, נעמליך מען זאל יעדע חודש איבער'חזר'ן די לימודים וועלכע מען האט געלערנט די גאנצע חודש.

די חזרה אויף די ערשטע חודש האט זיך שוין אנגעהויבן, ווי די תלמידים חזר'ן איבער די לימודים מיט א מורא'דיגע גרינטליכקייט, אנהייבנדיג נאכאמאל פון טור ב"י און אזוי ווייטער אלע נושאי כלים ביז מען קומט אן להלכה למעשה.

**אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו!!**

# מתוך דברות קודש

## אשר השמיע

# כ"ק מרן רבנו עט"ר שליט"א

### בהיכל ישיבתנו הק' - ז' תולדות ד"ה כסליו העעל"ט

היינט איז די יומא דהילולא פונעם הייליגן רבי ר' הערש מ'רימאנוב זי"ע, ווערט געברענגט אז די הייליגע רבי ר' הערש איז געווען אזוי גרויס ווי די משרתי עליון, ער איז געווען אזויווי די מלאכים פון אויבן, ווען ער האט געטון זיין עבודה, בשעת ווען ער האט געדאווענט צו ווען ער האט געלערנט האט מען נישט געקענט צוקומען צו איהם, מ'האט נישט געקענט רעדן צו איהם, קיינער האט נישט געקענט צוגיין צו איהם, קודם פשוט אלס פחד, מ'האט פשוט מורא געהאט צוצוגיין, און אויך ווייל ער איז געווען אזוי דבוק אינעם אויבערשטן, און ער איז ממש נישט דא געווען. אזוי הויך איז געווען זיין דאווענען, אידן האבן געזעהן ביי איהם געוואלדיגע ישועות, מ'האט געזעהן ווי ער האט ממש גע'פועל'ט ניסים ונפלאות.

דער הייליגע רבי ר' הערש איז געקומען פון א פשוט'ע שטוב, ס'ווערט געברענגט אז אין זיינע אינגע יארן האט מען איהם אויסגעלערנט די מלומדת פון נייען, אלס קינד האט ער זיך געלערנט צו זיין א חייט, ער איז נישט געקומען פון א אויסגעארבעטע שטוב, ער האט זיך אבער אזוי אויסגעארבעט די מדות, ער האט זיך אזוי שטארק מדבק געווען צום אויבערשטן אז ער האט געקענט פועל'ן ישועות.

צדיקים האבן מסביר געווען וויאזוי ער איז צוגעקומען צו אזא מדריגה אז ער האט געקענט באווייזן אזויפיל וואונדער, אזויפיל ניסים ונפלאות, אז דאס אלעס איז געווען נאר 'דורך שמחה', ער האט געדאווענט מיט שמחה ער האט געלערנט מיט שמחה, ער האט געוואוסט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און נאר פארן אויבערשטן דארף מען ארבעטן, אזוי איז ער צוגעקומען צו אזעלכע הויכע מדריגות.

ווייל ווען א איד גייט מיט די דרך, אז ער ווייסט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט און ער געבט שוין אכטונג אויף אלעם, דעמאלטס קומט ער צו צו זיין בשמחה, ווייל ער ווייסט אז יעדע פראבלעם וואס ער האט איז נישט זיין פראבלעם, ס'האט נישט צוטוהן מיט איהם, אלע פראבלעמען איז דעם אויבערשטן'ס דאגה, דער אויבערשטער געבט שוין אכטונג, און ווען א איד פירט זיך אזוי קען ער צוקומען צו גאר הויכע מדריגות. פארדעם האט די רבי ר' הערשעל'ע געקענט דינען דעם אויבערשטן מיט אזעלכע מדריגות, ווייל ער האט אלעס געטון מיט א שמחה, און אזוי האט ער געקענט פועל'ן ישועות פאר כלל ישראל.

אונז ווייסן דאך אויך אז די די סבא קדישא - יעצט אין די חודש איז טאקע זיין יארצייט - פלעגט אלעמאל צוזאגן "וויינען זאלט עטס אינדערהיים און קומען צו מיר זאלט עטס שמחת תורה", ראש השנה און יום הקדוש די טעג וואס מ'וויינט זיך אויס פארן אויבערשטן זאלט עטס וויינען אינדערהיים, און שמחת תורה זאלט עטס קומען זיך פרייען צו מיר קיין טאהש, דאס הייסט מיט שמחה קומט מען אן. אידן האבן געזעהן אז מיט שמחה קען מען אלעס פועל'ן, כי בשמחה תצאו - מיט שמחה גייט א איד ארויס פון אלע פראבלעמען.

היינט אין די יומא דהילולא פונעם רבי ר' הערש, איז געווען פאר מיר א געוואלדיגע שמחה, איך האב געזעהן וויאזוי בחורים האבן געדאוונט מיט אזא התלהבות קודש ביומא דהילולא פונעם רבי ר' הערש, אזוי האט ער דאך אויך געטון, ער האט דאך אויך געדאווענט מיט א מורא'דיגע התלהבות, און אויך איז עס געווען בשמחה, מ'האט געדאווענט מיט א פרייליכקייט און מיט א ערליכקייט, מ'האט געוואוסט אז מ'דאווענט נאר פארן אויבערשטן.

***

בחורים טייערע, אונז שטייען היינט אין ראש חודש כסלו, די הייליגע רבי ר' מרדכי'לע מ'טשערנאביל זי"ע האט געזאגט, אז ער האט געזעהן אין הימל אין חודש כסליו ווי ס'טוט זיך זיך דארט א רעש, מ'ריקט זיך דארט, עפעס טוט זיך, האט ער געפרעגט פארוואס איז דא אזא רעש, האט מען איהם מודיע געווען אז מ'גרייט זיך צו די גמר החתימה, סוף פון די חודש קומט דאך חנוכה, קומט שוין יעצט די אור פון חנוכה, און זאת חנוכה קומט די גמר החתימה, פארדעם טוט זיך א רעש ווייל מ'גרייט זיך גאנץ חודש כסלו צו מאכן דעם גמר החתימה.

חודש חשון הייסט דאך 'מרחשון', די ספרים הקדושים זאגן אז מרחשון איז טייטש מרחשין שפתיו, די ליפן שאקעלט זיך, מ'רעד און מ'טוט ווייטער דאס וואס מ'האט געטון אין חודש תשרי. יעצט איז שוין חודש כסלו, כסל"ו האט אין זיך די ווערטער כ"ס ל"ב, דאס הייסט אז די לב איז 'מכסכס', די הארץ שאקעלט זיך, ס'טוט ארומרעדן, די הארץ ארבעט ארום אין חודש כסלו, אידישע קינדער ווארטן אז זיי זאלן האבן א לעכטיגע יאר, זיי ווארטן צו האבן א גמר חתימה טובה, זיי ווארטן אז זיי זאלן צוקומען צו אלעס גוטס.

דורך די אור פון חנוכה קען מען צוקומען צו דעם, די אור פון חנוכה שיינט שוין יעצט, אזויווי די ספרים הקדושים ברענגען א משל, אזויווי איינער גייט אין וואלד אין די טונקל און ער קען גארנישט זעהן, ער זעהט אבער ביי די עק שיינט א ליכטעלע פרייט ער זיך שוין, אה, דארט איז לעכטיג, דארט וועל איך באלד אנקומען, די זעלבע זאך איז מיט חנוכה, ס'איז דא א טונקעלע ווינטער מ'זעהט נישט גארנישט, אבער מ'זעהט אז ביים סוף ברענט א לעכט, סוף פון חודש כסלו ברענט שוין די אור פון חנוכה, ס'קומט שוין די חנוכה, די אור הגנוז שיינט שוין דארט.

ברוך השם די בחורים האבן געדינט דעם אויבירשטן אין חודש חשון, יעצט אין חודש כסלו גייט מען גיין ווייטער, ווייל סוף סוף ברענט די אור הגנוז, סוף חודש קומט שוין אריין די אור הגנוז, חנוכה גייט מען שוין זעהן די ליכטיגקייט, מ'גייט שוין פסק'ענען מ'גייט שוין חתמ'ענען, מ'גייט אריין אין א ערנסטע צייט.

אונז גלייבן אז אלעס וואס עס שטייט אין די ספרים הק' איז אמת, און מ'דארף האבן מסירת נפש, אז מ'האט מסירת נפש קען מען צוקומען צום אור הגנוז, אן קיין מסירת נפש קען מען נישט צוקומען צו די אור הגנוז.

דאס אז די בחורים זיצן און לערנען און זיי הארעווען על התורה ועל העבודה אין אזעלכע קאלטע טעג דאס איז די מסירת נפש.

**מ'זאגט מיר נאך געוואלדיגע גריסן פון ישיבה, די ישיבה איז געוואלדיג געוואלדיג, רבינו הקדוש פון אויבן און די הייליגע אבות הקדושים זיי פרייען זיך, זיי קוקן אראפ פון אויבן און זיי האבן הנאה, און זיי גיבן אריין פאר ענק א חיות, ברוך השם יעדע בחור לייגט אריין א מסירת נפש ביי יעדע זאך, הן בתורה הן בתפילה הן בעבודה, ביי יעדע זאך ביי יעדע מצוה וואס מ'קען טון לייגט מען אריין א מסירת נפש, דאס איז א געוואלדיגע זאך.**

***

אונז זעהן אין די וואכעדיגע סדרה ס'שטייט (בראשית כ"ו י"ט) 'ויחפרו עבדי יצחק בנחל וימצאו שם באר מים חיים', די עבדי יצחק האבן געגראבן די ברונעם, און די רועי גרר זענען געקומען און זיי האבן זיך אנגעפאנגען צו קריגן, זיי האבן געזאגט, אז ס'איז זייער ברונעם, זאגן די ספרים הקדושים אז נח"ל איז די ראשי תיבות פון ל'הדליק נ'ר ח'נוכה, דאס איז די נחל, פון די נרות חנוכה שיינט אריין די אור הגנוז, דארט טרעפט מען דעם אור הגנוז, ווי טרעפט מען עס, אין די תורה הק'.

דאס זאגט דא די פסוק 'וימצאו שם באר מים חיים', וואס איז דאס די 'באר מים חיים', דאס איז די הייליגע פון דארט שיינט ארויס די אור הגנוז וואס קומט אריין חנוכה. און מ'זעהט דא אז די עבדי יצחק האבן געהאט דעמאלטס שוועריגקייטן מיט די רועי גרר, ווייל צוצוקומען צו דעם דארף מען האבן נסיונות.

שטייט דארט ווייטער (כ' כ"ב) 'ויריבו רועי גרר עם רועי יצחק לאמר לנו המים, ויקרא שם הבאר עושק כי התעשקו עמו', נאכדעם וואס די עבדי יצחק האבן געגראבן די ברונעם האבן זיך די רועי גרר ארומגעקריגט מיט זיי, זענען די עבדי יצחק אוועקגעגאנגען, און זיי האבן זיך געשטארקט, און זיי האבן געגראבן נאך א גרוב, 'ויחפרו באר אחרת ויריבו גם עליה', נאכדעם וואס זיי האבן געגראבן נאך א גרוב האבן זיך די רועי גרר געקריגט אויף די גרוב אויך, 'ויקרא שמה שטנה', און זיי האבן זיך נאכאמאל אוועקגעריקט פון דארט, 'ויעתק משם, ויחפרו באר אחרת ולא רבו עליה', 'ויקרא שמה רחובות, ויאמר כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ'. זעהט מען דא אז די עבדי יצחק האבן געגראבן די ברונעם און זיי האבן מיטגעמאכט אסאך שוועריגקייטן, אבער זיי האבן נישט נאכגעגעבן, מ'האט זיי געשטערט איינמאל און נאכאמאל, און זיי האבן זיך נישט געלאזט, נאר זיי האבן ווייטער געגראבן נאכאמאל די זעלבע זאך, ביז די דריטע מאל נאכדעם וואס זיי זענען געגאנגען מיט מסירת נפש האט מען זיי שוין נישט געשטערט, און ס'איז געווען ברוך השם א רחבות, ס'איז געווען 'כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ'.

געווענליך א עבד טוט אזויווי זיין בעל הבית טוט, ווייל אויב טוט ער אזויווי זיין בעל הבית איז זיין בעל הבית צופרידן פון איהם, און יעדע עבד זעהט וויאזוי זיין בעל הבית פירט זיך אויף, אויב ארבעט די בעל הבית וויל די עבד אויך ארבעטן. די עבדי יצחק האבן געארבעט אזויווי זיי האבן געזעהן ביי 'יצחק אבינו', וויאזוי האט יצחק אבינו געארבעט, וואס איז געווען זיין עבודה, זיין מדה איז געווען 'גבורה', דאס איז 'יראת שמים', ער האט געארבעט פארן אויבערשטן מיט גבורה, ער האט זיך גובר געווען אויף יעדע זאך, ער האט זיך געהאלטן שטארק ביי יעדע זאך, ער האט זיך געשלאגן אויף יעדע זאך, ער האט געהאט מסירת נפש. דאס איז געווען די עבדי יצחק, אויף דעם וועיזן זיי, זיי האבן געארבעט אזויווי זייער בעל הבית, זיי זענען געגאנגען מיט מסירת נפש, אפילו זיי האבן געהאט שוועריגקייטן, אפילו מ'האט זיי אלעס צוגענומען, אפילו זיי האבן געהאט נסיונות, האבן זיי זיך געשטארקט מיט מסירת נפש.

די צווייטע ברונעם האבן זיי דאך גערופן 'שטנה', שטנה מיינט די שטן, דאס הייסט די שטן האט זיך ארייגעשטעלט, די יצר הרע האט זיי געברענגט שווערע נסיונות, אזוי איז געווען איינמאל און נאכאמאל, און מיט דעם אלעם האבן זיי זיך נישט געלאזט זיי האבן ווייטער געגראבן זיי האבן ווייטער געארבעט מיט מסירת נפש, וויבאלד זיי האבן געטון צוויי מאל מיט מסירת נפש, אז מ'איז שוין געגאנגען א דריטע מאל מיט מסירת נפש איז געווען ברוך השם 'כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ', צום סוף איז געווען א הרחבה, צום סוף איז געווען 'הרחיב ה' לנו'.

***

טייערע בחורים, איך וויל יעצט רעדן וואס הייסט מסירת נפש, ס'איז אריינגעקומען דא אין ישיבה א נייע כתה שיעור א', יעדער איינער ווייסט מ'האט אויך אויפגעשטעלט א ישיבה אין אמעריקע, ס'האט זיך געמאכט געוויסע שוועריגקייטן אהער צוקומען לערנען, און די בחורים וועלכע זענען אהערגעקומען לערנען זענען געקומען מיט א מסירת נפש, מ'קען זאגן אז זיי זענען די 'יסוד שביסוד', זיי שטעלן דא אראפ א יסוד פון די ישיבה גדולה, מ'איז אהערגעקומען לערנען, און זיי זענען מחזק די ישיבה דא, ס'איז געווען א געוואלדיגע מסירת נפש, ביי יעדע זאך קען זיין מסירת נפש.

ס'שטייט אין די וואכעדיגע סדרה 'ויבז עשו את הבכורה', עשו האט פארשעמט די בכורה, דארף מען פארשטיין וואס הייסט ער האט פארשעמט די בכורה, ער האט עס נישט פארשעמט, רש"י ברענגט דאך אראפ אז ווען יעקב האט געזאגט פאר עשו אז ער וויל אפקויפן די בכורה האט איהם עשו געפרעגט 'וואס איז די בכורה', האט ער געזאגט 'מ'דארף מקריב זיין די קרבנות, מ'דארף זיך צוגרייטן, און אויב מ'גרייט זיך נישט צו ווי ס'דארף צו זיין איז מען מחויב מיתה', האט עשיו געזאגט 'דאס איז נישט פאר מיר, איך קען דאס נישט אויסהאלטן, איך פארקויף עס', ער האט נישט פארשעמט די בכורה, ער האט דאך געזאגט אז ס'איז צו שווער פאר איהם, דעמאלטס פארוואס שטייט 'ויבז עשו'.

נאר וואס דען, ער האט עס געדארפט אננעמען מיט מסירת נפש, און ווייל ער האט נישט געטון קיין מסירת נפש האט ער פארשעמט די בכורה, ווען איינער האט מסירת נפש ווייזט ער אז דאס דארף ער טון אפילו ס'איז שווער, און אז ער האט אוועקגעגעבן די בכורה, מיינט דאס אז ער איז נישט געווען גרייט צו האבן די בכורה מיט מסירת נפש, מיט דעם האט ער פארשעמט די בכורה.

די בחורים וואס לערנען דא אין ישיבה, ווייסן אז מ'דארף גיין מיט מסירת נפש, דאס איז א בחינה פון יעקב', 'יעקב איש תם יושב אהלים', ער איז געזיצן אין בית המדרש און געלערנט, ס'שטייט דאך די וואך, פאר ער איז געגאנגען צו לבן האט ער געלערנט ביי שם ועבר, ס'איז נישט געווען דארט קיין סאך אידן, ער איז געווען דארט פאר אפאר יאהר, און ער איז געזיצן און געלערנט בייטאג און ביינאכט, ער האט געוויזן א מסירת נפש, און דאס גייט אריבער פאר די קינדער.

**די בחורים לערנען דא און הארעווען מיט א מסירות נפש, דאס וועט ענק באגלייטן, ברוך השם די גאנצע ישיבה געבט חיזוק, מ'איז מכבד די בחורים מ'טראכט פון די בחורים, די הייליגע צדיק פון אויבן טראכט פון ענק, די הייליגע אור החיים הקדוש וואס די ישיבה טראגט זיין נאמען טראכט פון ענק, די אבות הקדושים טראכטן פון ענק, אז עטס וועטס טון א אתערותא דלתתא און אויבן וועט מען טון די אתערותא דלעילא, מ'וועט ענק ארייגשיינען פון אויבן.**

ס'שטייט 'ואלה תולדות יצחק בן אברהם, אברהם הוליד את יצחק', לכאורה איז שווער, מען האט דאך יעצט געזאגט 'יצחק בן אברהם - פארוואס שטייט נאכאמאל 'אברהם הוליד את יצחק', נאר יצחק האט זיך געוואלט רימען, האט ער זיך גערופן נאך זיין טאטע אברהם, ער האט זיך גערופן יצחק בן אברהם.

בחורים טייערע, אונז זענען טאהש'ע קינדער, און אונז האלטן זיך ווייטער פאר טאהש'ע קינדער. ס'שטייט 'ויעתר יצחק אל ה' לנוכך אשתו', ער האט געבעטן בזוית זו, און זי האט געבעטן בזוית זו, זיי האבן געדארפט קינדער, לכאורה וואס איז די פשט פארוואס האט ער געדארפט בעטן, דער אויבערשטער האט דאך געזאגט 'כי ביצחק יקרא לך זרע', דו גייסט האבן קינדער, פארוואס בעטן זיי אויף קינדער, נאר וואס דען, ער האט געבעטן איין זאך, ער האט געוואלט האבן קינדער וואס זאלן זיין קינדער פון רבקה אמנו, ער האט געוואלט האבן קינדער וואס זאלן אייביג בלייבן די קינדער פון יצחק, די דורות זאלן בלייבן צוגעבינדן צו די אבות הקדושים, זיי זאלן זיך אייביג רופן נאך זיי.

רבינו הקדוש בעהט אויבן ביים כסא הכבוד, פאר אלע בחורים וואס לערנען דא, ענק זאלן בלייבן זיינע קינדער.זאלט עטס וויסן און גדענקן, 'יצחק בן אברהם', עטס זענטס קינדער פונעם הייליגן צדיק, עטס זאלטס ענק מחזק זיין און זיך ווייטער האלטן אלס דעם צדיק'ס קינדער. ס'איז טאקע נישט גרינג, אבער מ'זעהט ענקער מסירת נפש מ'זעהט עס, **איך פרעג מיך כסדר נאך אויף די ישיבה, און איך הער ברוך השם אז מ'לערנט פלייסיג, די בחורים זענען זיך מחזק און זיי לערנען ווייטער פלייסיג, ס'געבט א חיזוק, עס גיבט א חיזוק פארן צדיק אויבן, און פאר די אבות הקדושים, מ'זעהט אז זיי גייען אין די דרך פון יעקב, און נישט פונעם אנדערן צד, זיי גייען נישט אזויווי איינער וואס גייט אזויווי דער 'ויבז עשו', וואס ער האט נישט קיין געדולד, ענק לערנען און דינען דעם אייבירשטן מיט א יגיעה און מסירת נפש, ס'איז ב"ה גוט, דער אויבערשטער האט געגעבן א סייעתא דשמיא, און ער וועט ווייטער געבן סייעתא דשמיא.**

דער אייבערשטער זאל העלפן ענק זאלן האבן א לעכטיגע חודש, ס'זאל זיין כ"ס ל"ב, די לב זאל זיך בענקען, די הארץ זאל זעהן אז ס'קומט א גוט יאר, און די יאר וועט ענק אם ירצה השם באגלייטן, די יאר איז דאך תשפ"ו, דאס איז ראשי תיבות ת'הא ש'נת פ'ודה ו'מציל, מיטן אויבערשטנס הילף האפן אונז אז אונז זאלן שוין זוכה זיין צום ביאת גואל צדק, מ'זאל אונז שוין קומען אויסלייזן, ביז אונז וועלן זוכה זיין צום ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

ויצא - תשפ"ו לפ"ק

## דאנערשטאג פר' תולדות

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר אהרן פריעד הי"ו פון בארא פארק, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

שפעטער איז פארגעקומען די אפשערן פון בן מו"ה משה לייב ב"ר ישעי' סג"ל קרויס הי"ו, דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית, געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

## עש"ק פר' תולדות

אינדערפרי האט דער רבי געדאווענט שחרית לכבוד ראש חודש בהיכל ישיבה גדולה, נאכן דאווענען איז פארגעקומען א מסיבת לחיים ודברות קודש חיזוק והדרכה לרגל פתיחת הזמן.

## שבת קודש פר' תולדות

פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

פארן דאווענען האט דער רבי אנגעטון די שטריימל פאר החתן יצחק אייזיק סג"ל קרויס נ"י תלמיד ישיבתינו הק', בן הר"ר ישעי' סג"ל קרויס שליט"א מנהל בת"ת, עב"ג בת הרה"צ רבי יששכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, דערנאך אנגעוואונטשן די חתן און מחותנים ובני משפחה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוט שבת'.

⋄

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול, איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: האדמו"ר מ'ספינקא בית שמש שליט"א, הרה"ח ר' הערשל סאנדעל הי"ו פון קרית יואל, מוה"ר בנציון אביגדור ראזענפעלד הי"ו פון ירושלים, הר"ר ישעי' סג"ל קרויס שליט"א, הר"ר יצחק אייזיק ווייס שליט"א מנהל מוסדות רמ"א, מוה"ר יצחק אייזיק דושינסקי הי"ו פון מאנסי.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר אברהם מרדכי זילבער הי"ו, לרגל די יארצייט פון אביו הרה"ח ר' שמואל דוב ע"ה, שיר המעלות הב' יעקב חיים ב"ר שמואל יצחק אמסעל נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

שבת נותנים מוה"ר חיים ראטענשטיין הי"ו מלמד בת"ת עבודת משולם פייש אין מאנסי. נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן א' גוט שבת'.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה און שחרית איז צוגעגאנגען מוה"ר אברהם מרדכי זילבער הי"ו.

די עליות האבן עולה געווען: כהן אדמו"ר מ'ספינקא בית שמש שליט"א, לוי הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו, שלישי מוה"ר ישעי' יעקב בינער הי"ו, רביעי מו"ה שמעון קרויס הי"ו פון מאנטריאל, חמישי מו"ה אברהם מרדכי זילבער הי"ו, ששי אדמו"ר מ'זוטשקע קאראקאס שליט"א, שביעי הבחור הבר מצוה בן מוה"ר אליעזר הערש שפיטצער הי"ו, הוספות: מו"ה משה זאנוויל דושינסקי הי"ו, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, אחרון החתן יצחק אייזיק סג"ל קרויס נ"י און עס איז פארגעקומען די באווארפן.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א. הגבה מוה"ר יחזקאל משה אלתר בלעקמאן הי"ו פון לינדען, גלילה מו"ה מרדכי ארגעל הי"ו חבר מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו.

כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר יצחק אייזיק דושינסקי

הי״ו.

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הב׳ ארי׳ ב״ר יואל סאנדעל ני״ו תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי מוה״ר יעקב גראס הי״ו פון מאנסי, ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי׳ מכבד געווען הר״ר נחמן כהנא (בן אדמו״ר מ׳ספינקא) שליט״א, שיר המעלות הב׳ שמעון ני״ו ב״ר נפתלי חיים בערגער הי״ו פון אנטווערפן.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי׳ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה מו״ה יוסף דוד סג״ל קרויס הי״ו. די עליות האבן עולה געווען ראשון הר״ר ישעי׳ סג״ל קרויס שליט״א, שני מוה״ר יעקב אליעזר מערמעלשטיין הי״ו, שלישי הרה״ח ר׳ הערשל סאנדעל הי״ו, הגבה כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א, גלילה הב׳ משה ני״ו בן הרב יוסף מאיר שטיין שליט״א פון וומסבו״ג.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי׳ מכבד געווען אדמו״ר מ׳ספינקא בית שמש שליט״א. דער רבי׳ האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרב ישראל זונדל סאנדעל שליט״א אב״ד שר שלום, מוה״ר אליעזר הערש שפיטצער הי״ו, מו״ה אברהם פריעדמאן הי״ו, מו״ה אהרן אלעזר סג״ל יונגרייז הי״ו.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי׳ מכבד געווען כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א, שיר המעלות הב׳ אהרן ארי׳ גינזבערג ני״ו תלמיד ישיבה גדולה ונכד רבינו שליט״א.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי׳ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

הגבהת הכוס צו הבדלה הרב לייבוש קליין שליט״א פון מאנטריאל בן דומ״ץ טאב שליט״א, די הבדלה האט געהאלטן החתן יצחק אייזיק סג״ל קרויס ני״ו.

דערנאך האט דער רבי׳ מכבד געווען אדמו״ר מ׳ספינקא בית שמש שליט״א צו פארציילן סיפורי צדיקים.

שפעטער האט דער רבי׳ אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

נאך קבלת קהל האט זיך דער רבי׳ געוואשן צו סעודה מלוה מלכה מיוחדת אינאיינעם מיט תלמידי שיעור ג׳ און שיעור ד׳ פון ישיבה גדולה. ביים מלוה מלכה איז מכובד געווארן מיט שיר המעלות הב׳ אלי׳ ברוין ני״ו.

## זונטאג פר׳ ויצא

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה״ר אליעזר הערש שפיטצער הי״ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

ביינאכט האט דער רבי׳ מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי משפחת שווארץ, היושבים על פטירת אמם האשה החשובה מרת רבקה יוכבד ע״ה בת הרב ר׳ יצחק ארענשטיין ז״ל, נכדת רבותינו הק׳ זי״ע, ווי דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.



בסייעתא דשמיא

# הזמנה חשובה ומיוחדת

מוצ"ש ויצא - באולם - בית צירל - בשעה 8:30

בכבוד הראוי הננו להזמין בזה מעלת כבוד

אנ"ש, הורי מוסדותינו הק', ותושבי קריתינו

לבא ולהשתתף ביד רחבה ורוח נדיבה במעמד נהדר ומפואר

סעודת מלוה מלכה ודינער השנתי

## א גוטן טאג

שע"י תלמוד תורה בית יודא ד'טאהש

למען עתידות חינוך צאצאינו ודורותינו

ביחד עם סעודת הילולא לרגל יומא דהילולא קדישא של מרן הבת עין זי"ע

שיתקיים בעז"ה ברוב פאר והדר

## מוצש"ק ויצא תשפ"ו

בשעה 8:30

## באולם בית צירל

בהשתתפות רבנן ותלמידיהון, זקנים עם נערים

והננו מחכים בזה להשתתפותכם הנכבדה

הנהלת התלמוד תורה

**פתיחת שערים**
ונטילת ידים לסעודת מלוה מלכה רחבה
כיד המלך באופן מפואר ונהדר לכל הקהל הקודש
8:30 בדיוק גמור
קומט צייטליך בעפאר 8:50
און נעמט אהיים א שיינע
מתנה פאר די טייערע קינדערלעך

**מכל מלמדי השכלתי**
ערשטמאליגע פאנעל
וועטעראן מלמדים בתובבי מוסדותינו הק'
הר"ר אלי' שפיטצער שליט"א
הר"ר זעליג ראטטענבערג שליט"א
הר"ר יעקב אליעזר מערמעלשטיין שליט"א
הר"ר אברהם לייב ראזענבוים שליט"א
מחשובי המלמדים במוסדותינו הק' רבות בשנים

**יושב ראש מעמד הנהדר**
ידידינו הנכבד הוצק חן בשפתותיו פה מפיק מרגליות המופורסם
הר"ר מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו
וואס וועט אנפירן דעם מעמד מיט דבריו הנחמדים

**דברי ברכה**
כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
נשיא המוסד

**דבר המוסד**
הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א
חבר הנהלת המוסד

**דבר ההורים**
געפילן און הרגשים ערשטהאנטיג
הר"ר לייב פריעדמאן הי"ו
מחשובי הורי מוסדותינו הק'

הרה"ח ר' צבי ארי' ב"ר ישראל ע"ה וויינבערגער

**רייכע מוזיקאלישע מאמענטן**
צוזאמען מיט א ילד הפלא

Campaign sponsored by;


# קול איחוד טאהש

קול בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאודעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלאר'ע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת זבחים (ז' עמודים)
בחבורות "מזון הנפש"
41 פון די מעין מענו

## מזון הנפש

# סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת וישלח =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק ויצא | דף יג. | דף ט: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף יג: | דף י. | דף קכז. | דף קכד: |
| מאנטאג | דף יד. | דף י: | דף קכז: | דף קכה. |
| דינסטאג | דף יד: | דף יא. | דף קכח. | דף קכה: |
| מיטוואך | דף טו. | דף יא: | דף קכח: | דף קכו. |
| דאנערשטאג | דף טו: | דף יב. | דף קכט. | דף קכו: |
| עש"ק | דף טז. | דף יב: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת ויחי
חבורת ז' עמודים - ב. - כג:
חבורת ה' עמודים - קכג. - קלה.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה קען מען הערן אויף קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 41 פון די מעין מעניו.


יד"ע
# איחוד תלמידי חסידי טאהש

להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי חסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג